STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06875

MAYN MAME'S SHABES-LIKHT

Charles Greenhauff

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יהושע גרינהאָף

„מיין מאַמעס שבת-ליכט"



יהושע גרינהאָף

יהושע גרינהאָף

מיין מאמעס שבת ליכט



MY MOTHER'S SABBATH LIGHTS

CHARLES GREENHAUFF

COPYRIGHT
1962

Printed in U.S.A.
GRENICH PRINTING CORP.
151 West 25th Street
New York 1, N.Y.
166

אַריינפיר

אין אַט דעם קליינעם, באַשיידענעם ביכעלע פון מיינע אויס־דערוויילטע לידער און פּראָזע, איז מיין אויפריכטיגער וואונש, איבערצוגעבן די איבערלעבונגען פון מיינע גאַר יונגע יאָרן, ביים בר מצוה ווערן, אין מיין געבורט־שטאָט ירושלים. איך דריק עס אויס דורך פאַרשידענע עפּיזאָדן, און דורך איניגע געזאַמעלטע לידער.

מיט דעם טיטול: „מיין מאַמעס שבת ליכט״, מיין איך אויס־צודריקן מיין הויפּט טיף רירענדע איבערלעבונג, בשעת דער טראַ־געדיע פון מיין מוטער רחל דינה ע״ה, איר מוראדיגן טויט, אין דער שעה פון שבת ליכט בענטשן, פרייטאָג דעם 28טן חשון, אין דעם יאָר 1903. יאָ, איך גלויב אַז אין די דערציילונגען באַזונדערס, איז מיר געלונגען צו שילדערן מיין לייד און פּיין, פיזיש און גייס־טיג פון דער שרעקלעכער געשעעניש.

צו מיין ליבער פרוי מיני, דריק איך דאָ אויס מיין האַרציגן דאַנק, פאַר איר געטרייער הילף אין געבן מיר איבספּיראַציע צו שאַפן און צו שרייבן דעם ביכעלע, און פאַר דער גרויסער טריישאַפט אַלס מיין לעבנס־באַגלייטערין, אין לייד און אין פרייד.

אויך צו מיינע ליבע קינדער: דניאל מיין זון, מיין טאָכטער טיי־בעלע און מיין יינגסטע טאָכטער אליס, דריק איך דאָ אויס מיין

פאַטערלעכן דאַנק, פאַר זייער געטריישאַפט, און פאַר העלפן מיר מיט זייער אמתער קינדער־ליבשאַפט — לאַנג לעבן זאָלן זיי.

אַגב, וויל איך, מיט עטלעכע ווערטער כאָטש, אויסדריקן מיין פיל האַרציגן דאַנק, צו מיין ליבן פריינד, דעם שריפטשטעלער און באַגאַבטן איבערזעצער דר. אברהם אייסען, פאַר זיין גוטמוטי־קייט און אומדערמידלעכן געדולד מיט זיין גייסטיגער הילף, אַז איך זאָל קאָנען אַרויסגעבן דאָס ביכעלע, צו דערשיינען אין איר איצ־טיקער שטיל־צינדענדיגער ליכט.

מיין איצטיקער באַשיידענער בייטראַג, האָף איך, וועט פאַרבלייבן ווי אַ גייסטרייכע צירענדע מצבה, צום אָנדענק פון מיין מוטער ע״ה.

יהושע גרינהאָף

אויפ'ן הר־הזתים

פון יהושע גרינהאק

צו דעם יאהר־צייט פון מיין מוטער
רחל דינה בת הרב ר' דוב בער, כ״ח חשון)

איך קלעטער, און קלעטער
אויף שטיינער, אויף קברים,
מידוכט, איך טרעט אויף בלעטער
פון אלטע הייליגע ספרים.

איך טרעט אויפ'ן הר־הזתים
מיט שטילן און שטומען ציטער,
וואו צווישן הייליגע מתים
רוהט אויך מיין ליבע מוטער.

דערקען איך אין דעם קבר
די יונגע קינדער יאהרען,
פארצערט זי״ אין דעם חדר
גאר יונגערהייט פארלארען.

מיט אומעט אין מיין הארצן
בין איך פון מוטער'ס שטיין אוועק,
געטראכט: ווי קורץ אין גאנצן
עס איז דער לעבענס וועג.



מיין מוטערס טראַגישע שבת־ליכט

(אַן עפּיזאָד פון מיינע קינדער־יאָרן)

צו עס איז געווען אַ צופאַל, אָדער גאָטס אַ צייכן, פאַר דער טראַגישער געשעעניש, וואָס איז געשען מיט מיין מוטער, ווייס נאָר גאָט אַליין. ווי פון אַ געהיימער קראַפט, האָט אַ כמארנער, שטור־מישער און גרויער הימל זיך פאַרשפּרייט איבער די קעפּ, פון אונ־דזער הויז־געזינד, און איינגעהילט אונדז אין אַ טרויעריגן צו־שטאַנד.

דאָס האָט פּאַסירט אין דער שטאָט ירושלים, פרייטאָג פאַר־נאַכט, אין דעם האַרבסט פון דעם יאָר 1903, אינעם חודש חשון, גלייך נאָך מיין בר מצוה ווערן.

ווי כמעט די מערסטע משפחות, וועלכע זיינען געקומען, מיט דער ערשטער עליה קיין ארץ־ישראל, האָט אונדזער פאַמיליע, גלייך ווי אַלע אַנדערע, געלעבט אַ שווער, געדריקטן לעבן; אָבער מיינע עלטערן, ספּעציעל מיין ליבע מוטער, האָט אַלץ אָנגענומען באהבה רבה, מיט צופרידנקייט, ליבשאַפט און גרויס בטחון אין גאָט.

אין די יחוס־בריוו, וועלכע מיין מוטער האָט מיר איבערגעלאָזן (זיי זיינען פאַרלוירן געוואָרן, דורך מיינע וואַנדערונגען פון ירושלים ביז אַמעריקע) האָט זי געשטאַמט, פון אַ גאָלדענער קייט פון רבנים, ביז צום ווילנער גאון; זי אַליין, די טאָכטער פון באַרימטן רב „דער בלינדער מינסקער רב".

מיין מוטער, רחל דינה ע"ה, איז ניט נאָר געווען באַקאַנט,

אין פילע שטעלן פון הלכה, ניט נאָר איז זי געווען באַהאַוונט, און אויסגעפּאָלגט די דיני נשים, נאָר זי איז אפילו געווען באַקאַנט מיט פילע שטעלן פון גמרא. איר דאַוועננען איז געווען מלא טעם, ווייל זי האָט געלייענט און געזאָגט עברי אויסער געוויינלעך גוט. מער פון איין קאַפּיטל תהילים, אָדער אויסצוגן פון חומש און פון די נביאים, צי פון די הייליגע תפילות, האָט זי געקענט צום באַוואונדערן, פון אויסווייניג.

קומענדיג פון אַזאַ שטאַרק פרומע און רעליגיעזע הויז, איז זי גופא געווען אַ שטאַרק פרומע, ליבע פרוי, ניט נאָר האָט זי שטרענג אָפּגעהיט יידישע דינים, נאָר זי איז אויך געווען זייער גוטהאַרציג, און זי האָט געגעבן צדקה, וויפל נאָר זי האָט געקענט. זי האָט געזוכט צו טאָן מעשים־טובים, וואָס גאָט און לייט פאַרלאַנגען פון אַ מענשן.

ווי איך האָב באַמערקט אויבן, איז עס געווען אַ פרייטאָג פאַר־נאַכט, אַ קורצער טאָג אין חודש חשון, ווען די יידישע פרוי האָט זיך שוין באַדאַרפט צואיילן, מיטן קאָכן די שבתדיקע מאכלים, מיטן צורוימען די שטוב און אַריינברענגען דעם הייליגן שבת.

אונדזער טיש, געדיינק איך, איז שוין געווען געדעקט מיטן פרישן טישטוך, די צוויי שבת־חלות אויבן אָן, צוגעדעקט מיט אַ ווייסער, איר אייגענע האַנט־געשטריקטע סערוועטקע, און ביי דער זייט די מעשענע ריין געפּוצטע לייכטער. מיין מוטער, צויבער ריין אין איר שבתדיגער ציכטיגער בלוזקע, און מיט דעם שניי־ווייסן פאַרטוך. מיט אירע רויטלעכע באַקן, האָט זי אויסגעזען וואונדער־לעך שיין. זי איז גרייט געווען צו בענשן ליכט, מיט דער טראַדי־ציאָנעלער, הייליגער ברכה אויף אירע מוטערלעכע ליפּן.

איך האָב פאַרלאָזט דאָס הויז, און זיך געגאַנגען מיין וועג, שטאָלץ, אין מיין שבתדיקן קאָלירטן קאַפּטאַן, מיט מיין סידורל אין מיין האַנט, אַוועק צו דער גרויסער, מתנגדישער שול, צו מנחה־מעריב,

אָן דעם מינדעסטן פֿאַרדאַכט, אַז אין בלויז עטלעכע געציילטע מינוטן, וועט פּאַסירן מיט מיין ליבע מוטער אַ שוידערלעכער און טראַגישער אומגליק, וואָס איך האָב קיינמאָל ניט געקענט גלייבן, און אַז איך וועל האָבן מיין מוטערס פּנים געזען שוין דאָס סאַמע לעצטע מאָל אין מיין לעבן.

איך בין איינגאַנצן אָפּגעגאַנגען, אַ האַלבע גאַס פֿון אונדזער הויז, אַז איך האָב פּלוצעם דערהערט שאַרפֿע מענטשלעכע געשרייען און קוויטשערייען. שכנים זיינען זיך צונויפֿגעלאָפֿן פֿון אַלע זייטן גאַס, מיט טומל און גרויס ליאַרעם. איך האָב זיך אומגעקוקט און גלייך דערבליקט אַ וואָלקן רויך, וואָס האָט זיך אַרויסגעשטופּט פֿון איבערן שיינדעלנעם דאַך פֿון אונדזער הויז דורך אַ פֿענצטער, צום כמאַרנעם הימל אַרויף.

איך בין געלאָפֿן צוריק, ווי אַ פֿייל פֿון בויגן צו אונדזער שטוב, אין טויט־ציטערניש. וואָס מיינע צעשראָקענע שטאַרע אויגן האָבן דערבליקט, און ווי אַזוי מיינע הענט און פֿיס, ווי אָפּגעליימט, האָבן מיך אַהין צוריקגעטראָגן, דאָס בלייבט אומבאַשרייבלעך, ווי די גאַנצע איבעריקע טייל פֿון מיין מוטערס טראַגעדיע. מיין יונגער מוח, האָט ניט געקענט באַגרייפֿן, ווי עס קען אַן אומגליק טרעפֿן פֿון הייליגע שבת־ליכט...

אַלץ וואָס מיר בלייבט איבער, איז מיט קאַרגע אָרעמע ווערטער, כאָטש פֿאַרצייכענען דעם פֿאַקט, פֿון דער טראַגישער געשעעניש. עס גייט מיר דורך עד־היום אַ גרויל אין מיינע ביינער, ווען איך דערמאָן זיך, ווי מיין זעליגע מוטער האָט אויסגעזען אין דעם פֿלאַקער פֿייער, וואָס האָט איר אַרומגעוויקלט: זי האָט זיך געראַנגלט מיטן פֿייער צו ראַטעווען זיך און געמורמלט: „פֿאַרוואָס, גאָט, קומט עס מיר״? דער פֿאַרצערנדער פֿייער, פֿון די הייליגע שבת־ליכט, האָט אַרומגעכאַפּט איר שבתדיקן אָנטאָן, מיט איר ליכטיקן גאַנצן לייב און וועזן, און האָט איר כמעט ווי פֿאַרשלונגען.

איך פיל נאָך איצט דעם קלעם, וואָס האָט מיך אַרומגענומען, און איך הער נאָך איצט די ווײ־געשרייען פון מיין מוטערס טויטלע־כע אַנגסטן. עס דוכט מיר, ווי איך וואָלט נאָך איצט געזען מיין מו־טער, אין די אַרומגעוויקלטע פייער־קנוילן, וואָס עס איז ניט געלונגען מענשן פון אַרום, אַזוי גרינג איינצולעשן.

פון אָט דער קאַטאַסטראָפע איז פון איר געבליבן בלויז אַ לע־בעדיגע גלאָווגע, איר מענשלעך, ליב פּנים, איר אײדל שיין גע־שטאַלט ניט צו דערקענען.

מיין מוטער אין שפּיטאָל

די לעצטע עטלעכע וואָכן, וואָס איז איר נאָך פאַרבליבן, אויפ־צוהאַלטן מיט טויטליכע אַנגסטן אַ לעבעדיגן אָטעם, און אַלץ וואָס איך האָב דורכגעלעבט, האָט געשאַפן אַ רושם אין מיין האַרץ. איך האָב געפילט ווי הילפלאָז, און דאָס וואָס אַלע מיינע תּפילות, און פאַסטן לאַנגע טעג. זיינען געבליבן, פון גאָט ניט דערהערט, דאָס אַלץ האָט ווי איבערגעקערט מיין ייִנגלשן מוח, מיט יענעם גלויבן מיינעם, אין מענשן און אין גאָט בכלל.

ווי שוואַך און נישטיג, האָב איך געטראַכט, איז דער אָרעמער מענש, געגן די פינצטערע פאַרצערענדע כחות, וואָס לויערן אויף אים פון פאַרשיידענע אומבאַוואוסטע באַהעלטענישן טאָג און נאַכט.

אָט גאָר ניט לאַנג, ערשט דריי וואָכן צוריק, האָט מיין מוטער געלעבט און געלויכטן מיט איר שיינעם, איידעלן און פיינעם פּנים, און טייער יידיש האַרץ; און אָט גאָר פּלוצעם ליגט זי מיט אויסגע־לאָשענע אויגן, מיט ביז אַ קויל־פאַרברענטן פּנים, איר צאַרט לייב צונטער־רויט און שוואַרץ, און דער אָטעם אירער, לאָזט ראַפּטאַם זיך אויס אין טויטליכע אַנגסטן, און פאַרצערט איר ביזן ביין.

די צייט פון מיין אבלות, און מיינע טענות צו גאָט

מאָדנע אָבער, אַז גראָד ווי אָט די טראַגישע געשעעניש פון מיין מוטערס אומקום, אין דעם פאַרצערענדן פייער פון די שבת־ליכט האָט מיך צעבראָכן פיזיש, האָט עס מיך אויך צעריסן גייסטיג. איך האָב געפילט ווי מיין פרומער גלויבן גליטשט זיך אַרויס פון מיר: דער העלער שיין פון גלויבן איז פאַרבלענדט און פאַרשווינדט פון מיינע אויגן, און פון מיין רעליגיעז יידיש האַרץ. אַ מעלאַנכאָלישער אומעט האָט מיך אַרומגענומען, און מיך איינגעהילט אין טרויער און בענקעניש, וואָס איז געפאַלן שווער אויף מיין געמיט.

עס האָט אין מיר אויפגעוואַכט אַ שטאַרקע גאָט־זוכעניש, און אַ גלוסט אויסצוטענעהן זיך מיט גאָט. אַ בר־מצוה יינגל פרום, און תמיד געגאַנגען אין גאָטס וועגן, האָב איך דאָך אָנגעהויבן צו צווייפלען, און כסדר, אויף אַן יינגלשן שטייגער, געפרעגט טיף ביי מיר אין האַרצן: ווען עס איז באמת, יאָ דאָ אַ גרויסער גאָט אין הימל, פאַרוואָס האָט ער צוגענומען פון אונדז קליינע קינדער אונ־דזער ליבע מוטער, און אויף אַזאַ שוידערלעכן אופן, און געלאָזט אונדז פאַריתומטע, בלאָנדזשענדיקע שפּעלעך? אַז איך האָב קיין צופרידענשטעלענדיגן ענטפער ניט באַקומען, האָב איך, סוף־כל־סוף, זיך געגומען אָפּקערן פון די וועגן און שטעגן, וואָס האָבן מיך גע־פירט צו דעם בית־המדרש און צו דער ישיבה, וואו איך האָב געהאָט געלערענט.

איך האָב זיך צו די וועגן פון דעם רעליגיעז־טראַדיציאָנאַלן לעבן שוין קיינמאָל זיך ניט צוריקגעקערט, איך האָב אָבער געהאַלטן אין איין זוכן אַ במקום, עפּעס וואָס זאָל פאַרטרעטן און אָנפילן דעם גרויסן חלל, די טיפע ליידיגקייט וואָס עס איז מיר געבליבן אין האַרצן, מיט אַ בליק צו דער העלער און ליכטיגער זייט פון לעבן.

איך האָב געדינט דורך די ווייטערע צענדליקע יאָרן צו פאַר־

שיידענע אידעאָלאָגיעס, אָבער אָן שום באַלוין, וואָס זאָל געבן רו־איגקייט צו מיין אומרואיגער נשמה, און צו מיין צווייפלהאַפטיגן גע־מיט... ביז איך האָב סוף־כל־סוף דערפילט, אַ נייעם אויפלעב אין מיין האַרצן. איך האָב צו זיך געזאָגט: די ליידיגקייט אין מיין האַרצן איז ווי אַ ליידיג פאַרלאָזן שטיק פעלד. איך מוז עס אויפסניי באַאַקערן, פאַרזייען מיט נייע קערנער, וואָס זאָלן אַרויסברייננגען דורך דער ליכטיגער, באַלעבנדיגער זון, אַ נייעם שפע פון פלאַנצן און געראָטענעם אויפוואוקס.

איך האָב אַמאָל, אין די יינגערע יאָרן, פיל געשעפּט פון יידישער טראַדיציע, יידישע געשיכטע פון אַלע גלותן, און פון קיום־האומה, איך מוז איצט אויפסניי זיך אַריינוואַרפן אין דעם היינטיגן יידישן רענעסאַנס מיט לייב און לעבן, באַזונדערס אין דעם קאַמף, פאַר אַ מקום מנוחה, פאַר אונדזער פאָלק, אין דעם לאַנד ישראל, וואו איך בין געבוירן און אויפגעבראַכט געוואָרן.

אַ נייע האָפענונג — אַ ניי לעבן

אַ נייער לעבן, ווי אַ נייער שטערן, האָט פאַר מיר אויפגעלויכטן. צו אָט דעם נייעם לעבן האָב איך זיך אַ צי געטאָן, מיט מיין גאַנצער קראַפט אין האַרצן. מיין נייער גלויבן, אין דעם נייעם לאַנד און מיין פאָלק, איז געוואָרן מיין רעטונגס אינדזל, אויף דעם בלאָנדזשענדיגן שטורמישן ים. יאָ, צוליב זיך גופא, צוליב מיין ערשטער יידישער דערציאונג, וואָס איך האָב באַקומען, און איז געוואָרן אין מיר איינגעפלאַנצט, אין מיינע יוגנטלעכע יאָרן, ווי אויך צוליב דעם ליכטיגן אָנדענק פון מיין זעליגער מוטער רחל דינה ע״ה.

אַפאָריזמען

מיט פירן אַ וויכוח מיט אַ נאַר, וועט איר ניט פאָרן ווייט; איר וועט נאָך האָבן צער, פאַר האָבן פאַרלוירן אייער צייט...

⁂

דער ערגסטער ליגנער איז ניט דער, וואָס זאָגט אייך גלאַט אַ ליגן, נאָר ווער ס׳דערציילט עס אייך ווי אַן אמת, און וויל נאָך קרעדיט קריגן...

⁂

וואָס מער אַ נאַר וויל באַווייזן, אַז ער ווייסט אַלץ און איז אין אַלץ געניט, אַלץ מער זעט איר אין זיינע גרייזן, אַז ער ווייסט קיין זאַך ניט...

⁂

צו זוכן וואָס מער רייכטום, איז ניטאָ קיין אמתער גרונט; ס׳איז פאַר דיר אַ סך וויכטיגער — צו זוכן וואָס מער געזונט...

אויפן הר־הזתים

צו דעם יאָרצייט פון מיין מוטער
רחל דינה בת הרב ר׳ דוב בער ז״ל, כ״ח חשון, 1903

איך קלעטער, און קלעטער,
אויף שטיינער, אויף קברים;
מיר דוכט, איך טרעט אויף בלעטער,
פון אַלטע הייליגע ספרים.

איך טרעט אויפן הר־הזתים,
מיט שטילן און שטומען ציטער,
וואו צווישן הייליגע מתים,
רוהט אויך מיין ליבע מוטער.

דערקען איך אין דעם קבר,
די יונגע קינדער־יאָרן;
פאַרצערט זיי אין דעם חדר,
גאָר יונגערהייט פאַרלאָרן.

מיט אומעט אין מיין הארצן,
בין איך פון מוטערס שטיין אַוועק,
געטראַכט: ווי קורץ אין גאַנצן
עס איז דער לעבנסוועג.

גאָט גיב מיר גלויבן

מיין מויל איז אויסגעטריקנט פון גרוים דורשט,
און ס'קען מיין צונג זיך ניט באַוועגן,
ווען ס'פרעסט חרטה אויף מיין אָרים האַרץ,
און ס'טריפט געוויסן־סם ביז אירע ברעגען.

עס גליט מיין פאָטערס לייד אויף ווי אַ פייער,
פאַר מיין דערדריקט און ראַנגלענדיג געמיט;
דער גלוט צעגליט זיך אָפענער און פרייער,
און ס'גליטשט אַראָפּ מיין טרער זיך שווער און מיד.

דורך זאַמד און שטיינער זיין שטענדיגער וועג,
אַ לעבן פון אנגסט און פון טעגלעך געיעג,
זיין גלויבן דאָך האָט אים געפירט צו אַ ברעג:
זיין מעכטיגער גלויבן אין איינציגן גאָט.

נאָר איך בין יונג געווען עס צו באַגרייפן,
מיין פאָטערס גלויבן און זיין פרום־פאַרלאַנג
אַז כ'זאָל מיט טריישאַפט נאָכגיין ביי זיין זייט,
מיט זיין בטחון אויף זיין לעבנסגאַנג.

אָ, גאָט, גיב מיר טרייסט! אָ, גיב מיר גלויבן!
באַשטראַל מיט ליכט פון האָפענונג מיין לעבן,

אָ, זאָל בטחון שטאַרקן מיר און דערהויבן,
און זין פֿאַר דעם — „נאָך־וואָס", „פֿאַר־וועו", מיר געבן.

אַנטפּלעק אויך, טאַטע, דו, מיר דעם סוד,
פֿון שטאַרקן גלויבן דיינס אין גרויסן גאָט!
כ'וועל דאַן דער וועלט מיין גרויסע פרייד דערקלערן,
און גראָד ווי דו, גאָטס נאָמען לויבן און פֿאַרערן.

ווערטער מיינע

וואָס זיינען מיינע ליפּן געשלאָסן,
פאַרמאַכט און פאַרזיגלט פון וואָרט?
ס'האָבן ווינטן די ווערטער צעבלאָזן,
ווי בלעטער צעשפּרייט דאָ און דאָרט.

ווי רייפיגע, פּרוכטבאַרע בוימער
און ליכטיגע, שטראַליגע גאַרבן,
געהיט האָב איך זיי ווי אַ שומר,
זיי זאָלן חלילה ניט דאַרבן.

געזונגען פון וועלטן גאַר פרייע,
פון פעלקער אין אחדות ביינאַנד,
געאַרעמט ווי ברידער געטרייע
צו האַלטן די וועלט ווי איין־לאַנד.

כ'האָב ווערטער ווי בלומען געקליבן,
פאַר שיינעם און הערלאך געזאַנג,
כ'האָב מיינע חלומות פאַרשריבן,
פריי לויט מיין אידעאַלן פאַרלאַנג.

נאָר ס'זעט זיך פאַרכמאַרעט מיין הימל,
פאַרטונקלט די ליכטיגע שטראַלן,

פאַרוויגט מיך מיט כישוף אין דרימל,
די פּלענער — זיי זיינען צעפּאַלן.

איצט ציטערן די ווערטער מיט שרעק,
פון קנאַל פון קאַנאָנען־געריויל;
פאַרפּלאָנטערט מיין פאָלק אויף זיין וועג,
און קען ניט אַרוים פון דעם קנויל...

— — — — — — — — — — — — —

אָ, ווערטער, געפינט מיך אַ טרייסט,
און ברייננגט אַ גוט וואָרט אויף מיין צונג, —
אַ וואָרט פון גאולה און גייסט,
אין נייעם און פרייען שוואונג...

חשבון הנפש

(אַ שטימונגס־ליד)

אַ שטילקייט הערשט אויף ברייטן, פרייען פעלד,
אין ראָזע פאַרבן איז דער רוים געהילט,
עס זעגענט זיך דער טאָג מיט מענש און וועלט,
און אין מיין הארץ — אַ ליבשאַפט נישט געשטילט.

מיין בליק פאַרכאַפּט דעם שווייגענדיגען תהום,
עס שוועבט אַ וועלט, אַן אַלטע, מיר פאַרביי,
און ס׳וויקלט זיך פאַנאַנדער פריש אין טרוים
מיין יוגנט, די פאַרגאַנגענע, אויפסניי.

עס לעבט־אויף קאַמף און ראַנגל אין געדאַנק,
די שיינקייט פון „אַמאָל" דעם „איצט" נאָך שפייזט;
איך שפּאַן מיט שטאָלץ און יושר אין מיין גאַנג,
און ס׳ווערט מיט האָפענונג באַלעבט מיין גייסט.

דאָך וואו איז איצט דאָס גליק פון יוגנט־בליק
וואָס האָט בלויז טוגנט, גערעכטיקייט דערשפּירט?
און וואו איז יענער גאָלדענער וואונדער־בריק,
וואָס האָט צו וועלטן שענערע געפירט?

אין ראָזע פאַרבן מיניעט זיך דאָס פעלד,
דער טאָג זאָגט „זיי־געזונט" ביים האָריזאָנט.
איך טראַכט: ווי שיין עס וואָלט געווען די וועלט,
ווען ס׳וואָלט מיין הארץ נאָר חשבון נישט געמאָנט...

דאָס פאַרשטומטע ליד

(מיין איינדרוק אויף אַ באַזוך אין אַן אַמוניציע פאַבריק)

איך הער דורך די נאַכטיגע שעה'ן, די לאַנגע,
דעם שאַל פון מלחמה און שטרייט דורכאַנאַנד,
איך פיל מיט דעם זעלנער דורך די נעכט, די באַנגע,
און זע אים, דעם קעמפער, דורך פלאַם און דורך בראַנד.

באַפאַלט מיך אַ מורא, אַ גרוילעכער שרעק,
ווען כ'זע די צעשטערער, די שטרענגע קאַנאַנען,
וואָס טויטן אַכזריש און לייגן אַוועק
די הילפלאָזע לעבענס-מיליאָנען.

דאָך לעבט וואו אין הארץ מיינס דאָס האָפן צו גאָט,
אַ גלויבן, אַ טיפער, וואָס באַהערשט מיין נשמה.
אַז ס'וועט זיך נישט אָפּטאָן פון גאָט זיין גענאַד,
און ס'שלעכטס פון מלחמה וועט ברענגען נחמה...

אַ מענשהייט וועט אויפשטיין פון גרוילעכען שלאַכט,
געלייטערט דורך ליידן, מיט גוטסקייט באַזעלט,
צו בויען מיט רעכט און ניט בלויז מיט מאַכט,
אַ שענערע, בעסערע און פרידליכע וועלט.

דער אויפבוי פון יידישער האָפענונג
פסח־צייט

ווי בייזער ווינטער ליגט די גלות־נאַכט,
פון פראָסטיק־בייסיגן שטורם־ווינט פאַרפרוירן;
די אַלטע האָפענונג פאַרבלייכט, פאַרשמאַכט,
נאָר פסח־צייט ווערט זי אויפסניי געבוירן.

אַ דורכגעליטענע, דערשיינט זי העל,
און הויבט אָן ווי די מאָרגן־זון צו ווערן;
מיט איר, די יידיש ליידענדיגע זעל,
פון אירע באַקן פאַרווישט די ביטערע טרערן.

מיט פרילינגס־האָפענונג ברענגט פסח פרייד.
פון דער באַפרייאונג וואָס איז אַמאָל געשען,
פאַר נייע ניסים איז דער ייד געגרייט,
און האָפט אַ נייע פרייהייט גיך צו זען.

⁂

אָ! פסח יום־טוב, מיט דעם פרילינג נייעם,
גאָר ליב און טייער ועסטו אונדז פאַרבלייבן;
דו ברייגסט אונז האָפענונגען, זיסע, טרייע,
און טוסט דעם גלות־ווינטער ווייט פאַרטרייבן.

שלאָף, שלאָף

אָ, פיר מיך שטילערהייט, געהיים
אין דיין פאַרנעפלדיגער היים —
אין דיינע מיסטעריעזע רוימען,
אומגעשטערט, פרידלעך צו טרוימען.

פאַרשלעפער מיך, אָ, שלאָף אין טרוימען,
וואָס פלאַטערן מיט פרייהייטס זוימען;
אַ וועלט פון יושר גאָר אין גאַנצן,
און גליק אין יעדן מענשענ׳ס האַרצן.

ווי לאַנג עס ליגט די וועלט אין צוואַנגען,
האַלט בעסער מיך אין טרוים געפאַנגען;
פאַרוויש די טרער מיין וואָס טוט לויערן,
אין ווינקל אויג מיט טיפן טרויערן.

שלאָף, שלאָף, נשמה מיין און חלום,
פון גליק און פרידן און פון שלום,
פון וועלט אָן אויסגעלייזטע פרייע,
און אַלע מענשען ברידער־טרייע.

האַרבסט, זיי ניט מקנא דעם פרילינג

האַרבסט, זיי ניט מקנא דעם פרילינג,
זיין יונגן, און גרינעם קאָליר,
ער קען זיך קיינמאָל ניט פאַרגלייכן
אין פאַרביגער שיינקייט מיט דיר.

האַרבסט, זיי ניט מקנא דעם פרילינג —
ער זינגט אַ מעלאָדיע בלויז אוים,
און דו שפּילסט אַ גאַנצע סימפאָניע
פון רייכסטן אָרקעסטער די גרוים.

די בלעטער וואָס פליען אַרונטער,
ווי פייגל, צו נאַכטיגער רוה —
זיי שפּילן אַ טייל אין אָרקעסטער,
און ס'פליטלען די ווינטעלעך צו...

ניט זיי, האַרבסט, מקנא דעם פרילינג,
אין מאַי זיינען נעסטן נאָך לעער,
ביי דיר זיינען אָבער די שפּייכלער
באַלאָדן מיט תבואה גאָר שווער...

ניט זיי, האַרבסט, מקנא דעם פרילינג,
ער איז אין קאָליר מאָנאָטאָן, —
אין דיר אָבער, שפּילן זיך פאַרבן,
און ס'וועלטיגט נאַטור אויף איר טראָן...

אויף דער שיף קיין ישראל

(ירושלים — מיין געבוירנשטאָט געווידמעט)

עם הערשט גאָטס שטילקייט אויפן ענדלאָזן ים,
די אויגן דורשטן נאָך דעם שקיעה־פלאַם,
ביים האָריזאָנט אין כוואַליקע יסודות,
און שפיגלט אָפּ גאָטס וואונדערלעכע סודות...

דאָס וואַסער רוישט, אין דעם פאַרנאַכט־געמיט,
עס דוכט זיך, ווי פון טיפקייט זינגט אַ ליד,
פון לויב געזאַנג, צו אונדזער בראַווער שיף,
וואָס וויגט זיך גראַציעז אויף פלאַכער טיף...

אין מוח טויכן בילדער, ווי אין טרוים,
באַהעפטן זיך ווי צווייגן אויף אַ בוים —
איך הער דעם אָפּקלאַנג פון ישראלס קול,
אין מיין ירושלים פון אַמאָל...

אַ זומער־געזאַנג

(אַ ליד פון ווייטן עבר...)

עס קומט אָן דער זומער —
פאַרשווינדט שרעק און ציטער,
און יעטווידער קומער
פון מלחמהס געוויטער.

עס שטייט נאָך אין קאָן
די וועלט און די פרייהייט,
דאָך פלאַטערט די פאָן
מיט העלדישער טרייהייט.

עס פליט עראָפּלאַן —
פון צייט־גייסט דער צייכן,
און ער וועט זיין פּלאַן
קעגן שונא דערגרייכן...

כאָטש ס'מאַטערט מיין מוח —
דאָך זינגט מיר אין זינען:
דער גייסט איבער כוח
וועט זיכער געווינען...

מיין הארץ איז מיט האָפן,
מיין זעל זינגט אַ שיר:
פאַרן ייד ווערט באַלד אָפן
אין ציון די טיר...

1920

די מוטער

(אַ בילד פון מלחמה־צייט)

איך זע איר, די מוטער, פאַרשמאַכט,
זי שטייט און זי וואַרט ביי דער טיר,
מיט אויגן פאַרקלערטע, פאַרטראַכט,
אין גיהנומישן תהום — אָן אַ ריר.

דער הימל אין כמאַרעס פאַרהילט,
איר פנים מיט טרערן באַדעקט,
איר האַרץ איז מיט בענקשאַפט פאַרפילט,
זי האַלט אירע אָרעמס געשטרעקט.

עס דוכט איר: איר זון איז אין פייער,
אין ווילדן מלחמה־געיעג,
„וואו איז איצט, מיין זון, אזוי טייער?
אַ, גאָט מיין, באַשירעם זיין וועג!"

זי הערט די קאַנאָנען, זיי קנאַלן,
זי הערט זיי אָליץ נענטער קומען,
איר דוכט זיך: איר זון איז געפאַלן,
זי הערט אים אין ווייטאָגן ברומען:

„אוי, מאַמעניו, ליבע, דו מיינע" —
און ס'ציטערט אין אנגסטן זיין קול,
„דו האָב נישט צו גאָט קיין שום טענה,
ס'איז שולדיג די וועלט אין דעם גרויל"!

עס קוקט שוואַרץ אין פענצטער די נאַכט,
איר פנים איז בלאַס און טויט־קאַלט,
פון צער און בענקשאַפט פאַרשמאַכט,
אין אָנמאַכט אַ קרבן זי פאַלט.

האַרבסט און יידישקייט

זיצענדיג אונטערן שאָטן פון אַ בוים,
אין אַ האַרבסטיגן טאָג,
ווען די זון קווענקלט זיך מיט איר גלאַנץ,
און וואָלקנס טונקעלע ציען זיך פאַרביי,
קוק איך זיך צו,
צו די געלע פאַרוועלקטע און פאַרדאַרטע בלעטער,
ווי זיי פאַלן, פאַלן פון די בוימער,
מיט פיל צער און וויי.
איך זע די בלעטער,
ווי אָפּגעפליקטע גלידער, וואָס צאַפּלען זיך;
און, ווי אין חלום,
ווערן די בלעטער פאַרוואַנדלט אין אותיות,
און פון די אותיות ווערן ווערטער —
יידישע ווערטער.
די אותיות און ווערטער ווערן פון דעם ווינט,
ווי בלעטער, געטריבן און געשליידערט.
זיי פליען דורך פאַר די אויגן מיינע.
דורך דאָס ווייען פון ווינט,
הער איך אַ געבעט און אַ קלאָג, באַקלאָגנדיק זייער מזל
זיי זיינען דאָך אַזוי גרין און פריש געווען אַמאָל,
זאַפטיג און פול מיט לעבן,
און איצט — ווי פאַרוועלקט און פאַרדאַרט...
די ווערטער-בלעטער פאַלן, פאַלן —
מיט אַזוי פיל צער און וויי...

די זאַפט און פרישקייט זייערע,
איז פון לאַנג שוין אויסגעזויגן...

איך טראַכט:
יידישקייט האָט נישט מער קיין היים,
זי קלינגט נישט מער אַרויס פון דער יידישער שטים,
און איז דערוויטערט פון דאָס יידיש האַרץ.
דאָס יידיש האַרץ איז צעבראָכן.
בייזע ווינטן האָבן עס צעבערעקלט און צעפיצלט.
עס גייט אויס!
ווי דער בוים בענקט זי נאָך אירע קינדער-בלעטער,
יידישע קינדער-ווערטער,
וואָס וואַלגערן זיך איצטער, האַרבסט-צייט, פאַר די פיס...

איך פרעג זיך:
פאַרוואָס קריגט נישט דאָס יידיש וואָרט,
דעם אָפּקלאַנג אין דאָס יידיש האַרץ ווי אַמאָל?
פאַרוואָס פוסטעווען די לעקציע-זאַלן,
די קלובן און די היימען,
אונטער וועלכן דאַך,
און צווישן וועלכע יידיש-וואַרעמע ווענט,
דאָס יידיש וואָרט האָט איר היים געהאַט?

דאָך ניין!
גייט דורך פאַרביי מיין קאָפּ אַ שטראַל פון האָפענונג
עס מוז אַ נייער פרילינג קומען!
עס איז אַ נאַטור-געזעץ!
דאָס יידיש וואָרט מוז אויפלעבן אויף דאָס ניי!

דאָס יידישקייט,
וואָס ווערט נאָך אויפגעהאַלטן מיט גרויס מסירת־נפש,
פון געטרייע און איבערגעבליבענע יידן,
וועט איבערגעגעבן ווערן
צו דעם קומענדיגן דור נאָך זיי,
און דאָס יידישע לעבן וועט באַלעבט און באַנייט ווערן,
ווי דער בוים.
מיט נייע, פרישע און גרינע בלעטער — פרילינג־צייט.

צוריק צו דער נאַטור

(אַ זומער מאָטיוו)

עס שײַנט ניט מער פֿאַר מיר אין שטאָט,
מײַן לײַטענדער שטערן ווי אַמאָל,
און ס'וואַרעמט ניט די שטראַליגע זון
מײַן הײמישן און שטילן טאָל,

וואו מיט מײַן אומעט, האָט זיך אָפּט,
געהכברט נאָענט די טרייסט און פֿרייד;
און האָפֿענונג האָט בײַ מײַן שוועל
איר צאַרטע ליכט פֿאַר מיר געשפּרייט.

עס איז מיר ליבער איצט דער וואַלד,
מײַן בלום־צעצווײַגטע גרינע היים —
אַ היים, מיט אײגענע הענט געבויט,
פֿון סאָסנעס האָלץ און ווײַסן לײם.

וואָס נוצט מיר האָב און גוטס אין שטאָט,
דאָס זאַמלען פֿון פֿאַרמעגנס פֿיל,
ווען רײזיקאַליש שטײט אין קאָן,
פֿאַרשפּילן אַלץ אין טײַפֿל־שפּיל?

איך בין צו לאַקענדער נאַטור,
געקומען אויף אַ ווײַל צו גאַסט,
און בין פֿון הײַנט און אײביק שוין,
פֿאַרליבטערהײט צו איר פֿאַרקנסט.

TZURIK TZU der NATUR

Words by
Joshua Greenhauff

Music by
Cantor Samuel Weisser




Con Moto
Vu Mit Mem U — met Hot zich oft ge
cha — vert No-ent die Treist un freid un
Hof — nung Hot bei mem Shvel ihr Tzar-te
Licht far mir — ge shpreit
8va


Es
Ped
Gliss
is mir Li-BER itzt in
Vald mein
Blum getz-veig-te gri-ne
Heim A
Heim mit ei-genne Heut-ge
Boit Fun



Sos — nes Holtz un Vei-sen
Leim
Vos
NuTzt mir Ho-ben guts in
shtot
Dos
zam — Len Fun FaR-Me-gens
fieL
Ven
Ri — zi-Ka-Lish ShteHt ir Kon — faR
shpie — Len altz in Tei-feL


SHpieL — Ich Bin Tzu LoK — en-
-deR — Na TUR ge- Ku — men oif A—
VeiL Tzu gast un Bin Fun HeinT un
Ei — Big Shoin — FaR LibT — eR HeiT Tzu ihR FaR knasT —

דער פילאָזאָף

אַליין, דער פילאָזאָף, אין אָפּגעזונדערטן צימער,
פאַרקלערט, פאַרטראַכט, געדולדיג זיצט;
זיין ווינקל, אַ געהיימער און אינטימער,
וואו דער געדאַנק אין מוח ווערט אויסגעקריצט.

אַרום אים: שטאַרק־פּיקאַנטע זאַכן אויף די ווענט;
אויפן טיש, זיינען אָנגעוואָרפן ביכער: אַלטע, נייע;
און אויף זיין טיף־געקאַרבטן שטערן, אַנגעשפּאַרט די הענט,
ווי פאַר דעם מענש געפּאַסט וואָלט ער באַשלוסן נייע...

איראָניש, רעבעלירענד, קלינגען אים אונדזערע רייד;
דאָך הערט ער איין זיך גאַנץ געלאַסן און גוטמוטיג —
ווי אַ געטרייער פאָטער ליידט ער אונדזער לייד,
מיט מילדע אויגן און מיט אַ ליבן שמייכל — אונז באַרואיגט.

אָט־דער־אַ שמייכל, וואָס פאַר אַ לייד, אָך, אין אים באַהאַלטן
ליגט!
ווער וויים, וואָס פאַר אַ זאָרגן פאַרן מענש ער טראָגט?
ווער זעט, וואָס פאַרא אַנטוישונגען ס'האָבן אים באַזיגט?
דאָס ד ע נ ק ע ן איז דער שענסטער אוצר דאָך וואָס ער
פאַרמאָגט...

קינדערש גליק

דו האָסט געפירט מיך, ליבע מאַמע, בלויז געציילטע יאָרן,
דאָך, דורך דיין פּנים, איז מיין לעבן מענטשלעכער געוואָרן.

דעם צאַרטן גלעט, פון מאַמע־האַנט, קען איך נאָך איצטער פילן,
ווען כ׳האָב גאָר ווייניק טעג, די בענקשאַפטן, נאָך דיר צו
שטילן . . .
נאָך וואַרעמט מיך צום ליכטיקסטן, דאָס האַרץ, דיין מוטער־
לעכער בליק,
פון אַלע גליקן, נאָך אַלץ צום וויכטיקסטן, איז מיין קינדערש
גליק,

ווער קען פאַרגעסן, טייערע, דעם שמייכל דיינעם, ליבן?
ער איז מיר אַ געשאַנק, אַ געטלעך גאָב, אויף אייביק לאַנג
פאַרבליבן.

דער שטאָט-וועקער

(דערינערונגען פון מיינע יינגלשע יאָרן אין ירושלים)

עס הילכט פון שפּעטער נאַכט אַרוים זיין קול,
ס׳קלינגט אָפּ דער עכאָ אין דער ווייטער לופט,
ער רופט צו תפילה און — צום לעבנס-עול,
איך הער פון שטיל: ער וועקט און מאָנט און רופט.

„שטייט, ברידער, אויף, שטייט אויף צו דינען גאָט!"
און ס׳דוכט: זיין שטים דערגרייכט אַזש ביז צום הימל;
עס וועקט און רופט און מאָנט ווי אַ געבאָט
דעם וועקערס רוף פון טיפן שלאָף און דרימל.

עס בלאָזן, דוכט זיך, דורך די שוואַרצע שויבן
דעם וועקערס ווערטער ווי מיט ווילדן ווינד;
איך פיל זיי צינדן אָן אַ הייסן גלויבן,
וואָס רופט און רייצט מיין האַרצן אויך אַצינד...

— — — — — — — — — — — — — —

איך זע זיך ווי אַ יינגל נאָך אין חדר,
און דאָך ווי איינער גלייך מיט אַלטע לייט...
איך ריכט אָפּ גלות גלייך מיט זיי כסדר
און בעט אויף רחמים גאָט אין הימל ווייט...

— — — — — — — — — — — — — —

רוף, וועק, אויך איצטער, וועקער, רוף און מאָן,
מיט מערער דרייסט און גלויבן אין דיין קול,
און אָנזאָגן זאָל מיר דיין נייער טאָן:
דער ייד איז ניט אין גלות ווי אַמאָל...

מיין תפילה

אין איצטיגער פינצטערער גלות-נאַכט,
ווען טייפל הערשט מיט ווילדער מאַכט,
געפינט אין גלויבן מיין נשמה,
אַ שטיל, באַרואיגטע נחמה.

דער גלויבנס-שטערן, הויך און טיף
דער קאָמפּאַס פאַר מיין וואָגלענד שיף,
וואָס פירט מיך, ווי אַ מוטער טריי,
און גיט מיר פליגל, גרינג און פריי.

מיט שוואַכע בעטענדיגע הענד,
צו גאָט אין הימל, איך זיך ווענד,
און שיק מיין ציטערדיג געבעט:
עס זאָל זיין הילף, ניט קומען שפּעט.

יידישער בטחון

איך הער דאָס געוויין פון געוויינען,
פון גלויביגן ייד, וואָס הערט ניט אויף קלאָגן;
און טראָץ אַלע גלותן, גלויבט נאָך אין איינעם,
וואָס וועט די גאולה אַנטקעגן אים טראָגן.

דער יידישער הימל מיט נאַכט איז פאַרצויגן,
און אויף אַלע וועגן — דער חושך פאַרשפּרייט;
דער ייד אָבער זעט גאָטס גנאָד פאַר די אויגן,
דורך פינקלענדע שטערן, אין ענדלאָזן ווייט.

און אפשר וועט ערגעץ נאָך וואו, אין דער נאַכט,
פאַר אים אויך אַ ליכטיגער שטערן דערשיינען,
כדי אים צו פירן ביז טאָג ווערט געבראַכט,
פון מזרח, וואו זון טוט מיט האָפענונג שיינען?

דער צעשטערטער גאָרטן ביי מיין הויז

געווידמעט מיין פרוי מיני, וועמעס פלאַנצן האָבן פאַרשענערט
דעם גאָרטן מיט איר שטאַרקער ליבע צו בלומען און פלאַנצן.

עס הויכט דער טרויער מיינער, און פאַלט שווער,
ווי פון שטיקענדיגן טומאַן אַרויס.
די פלאַנצן צאַרנדיג צעשטערט, ווי פון אַ בייז געוויטער —
דאָס לעבן גוססט ביי זיי אויס.

מיין האַנט האָט ציטערדיג געדינט זיי גאָר געניט,
די זוימען פאַר געוויקסן, זיי זאָלן וואַקסן שיין,
און מיט אַ וואַכיג-אויג, די שפּראָצן אָפּגעהיט,
אַז פון יעדן בליט, אַ פלאַנץ זאָל זיין.

דער גאָרטן האָט געוועקט מיט שיינקייט פול,
געשפּרייט פיל פרייד טיף אין מיין האַרצן,
די פלאַנצן האָבן זיך צעוואַקסן אין קאָלירן —
געבלענדט מיט צויבער האָבן בלומען קראַנצן.

איצט לויערט דאָ דער טראַקטאָר — דער צעשטערער,
גרייט צו פאַרטיליגן זיי, מיט זיינע אייזערנע ציין,
צעשטערט ווערט מיין לאַנג-יאָריגדיגער טרוים,
עס דריקט דער אומעט מיר אין האַרצן אריין.

מיין בליק דערזעט ניט מער די רייצענדע קאָלירן,
אין דעם פּראַכט פון בלומען און פון בליענדיגע בוימער,
פאַרשניטענע זיי ליגן, ניט מער מיין גאָרטן צו באַצירן.
עס טרערט ביי מיר אין אויג אַ טרויעריגער טרער.

יולי 1961

מאָרגנס-גליק

אויפֿן טייך, דער שאָטן פֿון דעם אַלטן בוים פֿאַלט;
שאָטנט זיך מיין יוגנט דאָרט, ווי אין שפּיגל אויפֿן וואַנט.
ס׳לעבט אויף אויפֿסניי, מיין קינדערשעם געשטאַלט;
נאָר ס׳פֿאַלט מיין אויג אויף מיין צעקנייטשטע האַנט...

אַ בענקשאַפֿט-ווײי דרינגט דורך מיין שווער געמיט,
עס שווימען אויף פֿאַרלאָפֿענע טעג — פֿול זאָרגן,
כ׳קוק צוריק אויף זיי, ווי זיילן וואָס שטיצן מיט
דאָס צוגעזאָגטע גליק, פֿון קומענדיגן מאָרגן...

איך טראַכט: ווי גנעדיק גרויס ס׳איז גאָטס באַלוין,
ווען ס׳קומט אַ טראָפֿן גליק כאָטש, אויף דעם לעבנס-גאַנג;
עס דוכט זיך: מען איז מלך און באַצירט מיט קרוין,
און ס׳שאַצט אָפּ די וועלט, פֿאַר גאָר די מי מיט דאַנק.

פ ר י ל י נ ג

גשווידמעט דער נאַטור

בליט דער פרילינג, אין גרינעם פלאַם,
באַצירט אַיעדן בוים און שטאַם ;
געטונקט אין זון, אין גאָלדנעם גלאַנץ,
לויכט־אויף די וועלט, צופרידן גאַנץ.

און ס׳רעדט דאָס פעלד, און ס׳זינגט דער וואַלד,
און אַלץ אַרום, מיט לעבן שאַלט,
און איך געניס פון דער נאַטור,
אויף יעדן טריט און יעדן שפור.

זי שפרייט די שיינקייט אויס פאַר מיר,
און רוימט מיך איין : פאַר דיר, פאַר דיר . . .

איך ווידמע איר, אַ ליד דערויף,
אום שולדיק ניט צו זיין אַ חוב . . .

דער פרילינג איז געקומען

דער פרילינג איז געקומען,
מיט ליכטיגע זונען שטראַלן,
מיין טרויער צוגענומען,
צו די טיפע קאַנאַלן...

טייבעלעך, וואַסערלעך שפּילן,
ווינטעלעך, פייגעלעך זינגען,
מיט פרילינג געפילן,
און אַלע ווינקעלעך רינגען.

איצט איז פרילינג!
פאַרגעס וואָס איז געווען.
מיין טייערער ליבלינג,
ס'איז אַ נייע וועלט צו זען.

דער אַרבעטער־רינג — אַ היים מיט אַן אידעאַל

(אַ באַגריסונג צום 50סטן געבוירן־טאָג פון דווינסקער יאָנג־מענס)

מזל־טוב דיר, פריינד געטרייער,
צו דיין פופציגסטן געבוירן־טאָג.
מיין גאָלדענע מתנה נעם אויף —
מיט שטאָלץ, אויף דיין ברוסט טראָג.

שפּאַן נאָך שפּאַן, געבויט האָסטו דעם וועג,
צום טורעם פון גרויסן אידעאַל,
וואָס באַלייכט דיינע הערלעכע טעג,
מיט אַ ליכט באַהעלט איבעראַל.

פון שטאַרקן גלויבן און הויכן גייסט,
צו העכערס, האָסטו זיך דערהויבן,
דורך באַוואוסטזיין, דעם ציל דערגרייכט,
און פריינדשאַפט אין לעבן דערוואָרבן.

ווי אַ מוטער־פויגל בויט און בויט איר נעסט,
אַזוי פאַר דיינע קינדער, האָסטו געבויט, געוועבט,
פאַר זיי אַ היים, מיט דיין אידעאַל,
צו וועלכן מענטש און וועלט שטרעבט.

דער אַרבעטער־רינג

קיין שטיינדל זאָל ניט פעלן פון דער געביידע,
פון פיין, לייד און טרערן געבויט,
מיט שיינע אידעאַלן פאַרזייטע,
און דעם לעבנס־וואוילזיין פאַרטרויט.
זאָל זיין דער בנין אַ שיינער זייל,
פאַר דורות וואָס וועלן קומען;
ניט פאַרבלענדט, ניט צעשטערט פון קיין פייל,
נאָר גאַנץ פון אונדז געוואונען.

דאָס לעבן ווי אַ פינטל פון אויג

עס שלאָגט שוין באַלד דער זייגער צען,
ווי אין געאייל, פאַרפליט די צייט,
עס שלאָגט שוין אויס דאָס „וואָס געשען",
זינט מיין גאַר פריעסטער פאַרגאַנגענהייט.

טעג, יאָרן, האָבן זיך געשפּונען,
ווי פעדים, איינס אין צווייטן,
איך האָב פאַר ליב זיי אָנגענומען —
די פריידן אַלע, ווי די נויטן.

טיק טאַק, טיק טאַק, טיק טאַק,
די רגעס פליען, די שעהען לויפן,
טיק טאַק, טיק טאַק, טיק טאַק,
שלאָגט ריטמיש, שלאָגט דער דופק.

די בענקשאַפט שטייגט און דריקט,
נאָך יענע שעהען, לאַנג פאַרשוואונדן
פון יוגענטס האָפענונג באַגליקט,
מיט פאַרבן, אידעאַלע אָנגעצונדן.

און אָט שלאָגט באַלד דער זייגער עלף,
אַלץ נענטער, נענטער, און צום סוף.
אָ גאָט, דו גנעדיגער, מיך העלף,
פאַרשלעפער מיך, אין שוים פון שלאָף.

טיק טאַק, טיק טאַק, טיק טאַק,
די רגעס פליען, די שעהען לויפן,

טיק טאַק, טיק טאַק, טיק טאַק,
שלאָגט ריטמיש, שלאָגט דער דופק.

אָ גאָט, שטעל אָפּ דעם פלינק געאייל,
ווי ס׳האָט יהושע אָפּגעשטעלט די זון,
אויף נאָך אַ ווייל, כאָטש נאָך אַ ווייל,
ביז לעבן וועט פאַרמאָגן שיינעם זין...

דער זייגער שלאָגט דעם לעצטן צוועלף,
דאָך שרעקט מיך ניט דער וואָרנונג־קלאַנג,
איך שטייג אַרויף דעם העכסטן טרעפּ...
צום מענשנס מיסטעריעזן גאַנג.

טיק טאַק, טיק טאַק, טיק טאַק,
די רגעם פליען, די שעהען לויפן,
טיק טאַק, טיק טאַק, טיק טאַק,
שלאָגט שטיל, פאַרשטילט שלאָגט שוין דער דופק.

קבר רחל

רחל וויינט אויף אירע קינדער

די דערינערונגען וועלכע איך גיב דאָ איבער, זיינען פון מיינע יינגלשע יאָרן. נאַטירלעך, קען מען ניט אין גאַנצן, צוריק אויפוועקן געפילן, ווי מען האָט זיי דורכגעלעבט, מיט לאַנגע יאָרן פריער, אָבער איך באַמי זיך, זיי איבערגעבן דאָ, ווי זיי דערוועקן זיך אין מיר, און ווי איך וואָלט געפילט, ווען איך וואָלט זיי היינט דורכ־געלעבט.

די מוטער רחל איז אין מיינע יונגע יינגלשע יאָרן, דערשינען פאַר מיר אַ יפת־תואר, אָנגעטאָן אין ווייסע קליידער... אין האַרצן האָב איך געפילט, אַז זי איז אַ געטרייע מוטער אונדזערע, און איך האָב געפילט אַ ליבשאַפט צו איר. איך האָב מיר שטענדיג פאַר־געשטעלט ווי איך וואָלט איר געזען שטייענדיק און זי בעט ביי גאָט, פאַר די יידן, וועלכע ווערן געפּלאָגט און געיאָגט, פון פּלאַץ צו פּלאַץ אין גלות. דערפאַר איז זי געבליבן, ביז היינטיגן טאָג, איינגעבאַקן אין האַרצן פון אונדזער פאָלק. אין אַן עת־צרה, און יעדן ראש חודש זיינען יידן געגאַנגען צו דעם קבר רחל, מער ווי צו אַנדערע הייליגע קברים.

⁂

וואָס איך גיי דערציילן, האָט פּאַסירט אַרום דעם יאָר 1905, ווען די יידן פון ירושלים, האָבן דורכגעלעבט אַ שטאַרקע אויפרע־גונג. אין „מאה־שערים", האָבן איניגע דערהאַלטן בריוו, פון פּוילן

און פון רוסלאַנד, און אַנדערע האָבן געלייענט אין די צייטונגען, וועגן די גרויזאַמע קישעניעווער פּאָגראָמען.

צווישן מנחה און מעריב, איז אין דעם גרויסן חצר, אַרום דער גרויסער שוהל און שטיבלעך פון „מאה שערים" געווען פול מיט מענשן, וועלכע האָבן זיך מיט גרויס אומעט צוגעהערט צו די נייס. איינער האָט דערציילט וואָס ער האָט געלייענט אין אַ בריוו וואָס ער האָט דערהאַלטן, פון אַ שטעטל ניט ווייט פון קישעניעוו. ער האָט דערציילט מיט אַלע איינצלהייטן, ווי דער בריוו שילדערט דעם גרויזאַמען און שרעקלעכן פּאָגראָם פון קישיניעוו. אַ צווייטער האָט דערציילט וואָס ער האָט געלייענט אין דער „השקפה" און „חבצלת", (די צוויי העברעאישע צייטונגען אין ירושלים פון יענער צייט). אַן אַנדערער האָט דערציילט, ווי כוליגאַנעס האָבן מיט מעסערס און העק זיך אַריינגעריסן, שבת אין דער פרי צו קריאת־התורה אין שוהל, צעטראָטן די ספרי־תורות מיט די פיס און פאַרברענט זיי פאַר די יידן אין די אויגן, וועלכע האָבן געמוזט שטיין און צוקוקן מיט טיפן אַנגסט און מורא. אַ צווייטער האָט דער־ציילט, ווי פויערים האָבן אויסגעפליקט באָרד און פאות ביים רב, וועמען ער האָט אַליין געקענט, ער האָט עס דערציילט מיט אַלע פּיטשעווקעס, גלייך ווי ער וואָלט געווען דערביי. ווער ווייסט? אפשר האָט ער עס טאַקע אַליין אַמאָל דורכגעלעבט? אַן אַנדערער האָט גענומען דאָס וואָרט, און אויסגעשריען: „יידן וואָס ווייסט איר, וואָס דאָרטן קומט פאָר? די האָר שטעלן זיך פשוט קאַפּויער!" דערציילט האָט ער: ווי די כוליגאַנעס קוילען יידן אין די גאַסן ווי די שאָף, זיי רייסן זיך אַריין אין הייזער, שענדן פרויען, טעכטער און יונגע קינדער און ווי מען נעגלט צו, צו די ווענט קליינע קינדערלעך און יונגע עופהלעך לעבעדיקערהייט. מען האָט געקאָנט זען, אַז די אַרומיקע צוהערער, זייַנען געווען אויסער זיך, עס האָט זיך זיי ניט געוואָלט גלויבן אַז עס איז אמת. זיי האָבן ניט געקענט גלויבן, אַז

אַזוינס קען גאָר פּאַסירן. איבערהויפּט האָבן עס ניט געקענט באַגרייפן, די ירושלימער געבוירענע, אָדער ווי מען רופט זיי היינט: „די סאַבּרעס״. פאַר זיי זיינען די שחיטות אויף יידן געווען פרעמד. קיינער פון זיי האָבן ניט דורכגעלעבט אַזוינע מאַסן־שחיטות.

קענטיק אַז דער דערציילער האָט דעם צווייפל דערשפּירט אין זיינע צוהערער. האָט ער די האַנט אַרונטערגענומען פון זיין באָרד, און אויסגעשריען אויפן קול: „וואָס, איר גלויבט עס אפשר ניט? יאָ, עס איז אמת! יאָ עס איז אמת!״ קומט, לאָמיר אַריין אין שוהל דאַווענען און נאָכדעם זאָל קיינער ניט אַוועקגיין, מיר וועלן עפענען דעם ארון קודש, מיר וועלן בעטן און זאָגן תהילים פאַר אונדזערע ברידער. אפשר וועט גאָט זיך מרחם זיין? מאָרגן וועלן מיר האָבן אַן אסיפה מיטן רב צוזאַמען, און באַשליסן וואָס צו טאָן״.

אויף מאָרגן איז די גאַנצע שטאָט מענטשן אַרומגעגאַנגען אין גרויסן טרויער. אַלע מיט פאַרכמורעטע אויגן און אויף זייערע ליפּן: „דער קישעניעווער פּאָגראָם״.

די אסיפה מיטן דובראָוונער רב בראש האָט באַשלאָסן, זיך צו ווענדן צו אַלע רבנים פון שטאָט, אַז דעם קומענדן מאָנטאָג זאָל זיין אַ תענית־ציבור, מיט הספדים אין אַלע שוהלן און דאָנערשטאָג זאָל מען זאָגן סליחות, און נאָכדעם גיין צו די קברים פון די צדיקים און צו דעם קבר פון דער מוטער רחל.

די נייס פון דעם קישעניעווער פּאָגראָם, האָט זיך גיך פאַרשפּרייט, איבערן שטאָט ירושלים. אויב איינער וויל פילן, ווי שטאַרק עס קען זיין דער „ואהבת לרעך כמוך״ האָט ער געדאַרפט דורכלעבן יענע צייט אין ירושלים. טרויער האָט זיך געפילט פון אַלע גאַסן־ווינקעלעך. אין די געשעפטן זיינען געווען ווייניג קונים. עס האָט אויסגעקוקט טרויעריגער ווי אין דעם טאָג פון תשעה־באב. איך ווייס ניט פון קיין פאָלק, וועלכעס זאָל זיך אַזוי פיל אינטערעסירן און קלאָגן אויף זייערע פאָלקס־ברידער, ווי דאָס יידישע פאָלק. די

רבנים פון שטאָט האָבן גוזר געווען דעם תענית ציבור, ווי דער דובראָוונער רב האָט פאַרלאַנגט. מודעות זיינען אויסגעקלעפּט געווארן, איבער אַלע יידישע גאַסן און בתי־מדרשים, און אַלע האָבן געמוזט צומאַכן די געשעפטן יענעם מאָנטאָג און קומען אין די שוהלן צו די הספדים.

מאָנטאָג נאָך מיטאָג, איז שוין די ישיבה געווען פול מיט מענשן, און ביי מנחה־צייט איז זי געווען איבערגעפּאַקט. מען האָט געוואַרט צו הערן דעם דובראָוונער רבס הספד. דער דובראָוונער איז געווען אַ שלאַנקער זעקס־פוסיקער מענש, מיט אַ שיינעם, איידעלן פּנים, און אַ לאַנגע, ווייסע געקרייזלטע באָרד. זיין גאַנצער אויסזען איז געווען אַן אַטראַקציע פאַרן אויג, שטענדיג איז ער געווען נעט און ציכטיק־ריין געקליידט. זיין פיגור האָט אַרויסגערופן גרויס כבוד און דרך־ארץ צו אים, ער איז אויך געווען אַ קלוגער און אַ זעלטן גוטער מגיד. זיין ווייכע, צאַרטע שטימע האָט אָפּגעקלונגען ווי אַ זיסער געזאַנג. ער האָט געקענט צענעמען אַ האַרץ ביז געוויין. אין זייןריידן איז געווען אַ צויבער, וואָס האָט באַגייסטערט אַן עולם. דעריבער איז די 200 פוס לאַנג גרויסע ישיבה געווען אַזוי פול מיט מענשן. אייניגע זיינען געזעסן אַרום די לאַנגע טישן און געלערנט, אָדער געזאָגט תהילים, אָבער דער גרויסער עולם איז געשטאַנען צוגעדריקט איינער צום צווייטן. פון דער בימה האָט מען נאָר געקענט זען אַ מענשן־קעפּיקע מאַסע, באַדעקט מיט יאַרמלקעס און קאַפּעלושן. עס איז ניט געווען וואו אַ פוס צו שטעלן. ווען דער רב איז אַריין, זיינען שוין אַלע געשטאַנען, און זיך געדריקט צו מאַכן פּלאַץ, אַז ער זאָל קענען אַרויף אויף דער בימה.

אַ שטאַרקער אומעט־געפיל, האָט געהערשט איבער דער גרויסער ישיבה, און דער שטומער שטיל־שוייגן האָט צוגעגעבן אַ פּיינלעכן טרויער, פאַר די ענגע מאַסע מענשן. דער רב אויף דער בימה

מיט אַ טלית אויף די פּלייצעס, שטייט אַ ווילע, קוקט אויפן עולם, אַ ביסל פאַרטראַכט, און הויבט אָן זיין הספד:

„רבותי: מיר זיינען היינט געקומען מספיד זיין די געפאַלענע קדושים פון דעם קישעניעווער פאָגראָם, אָבער זייט וויסן אַז עס איז אַ „גזר־דין מן השמים". צופיל זינדיגע האָבן מיר צווישן יידישן פאָלק. ניט זיי זיינען מיר מספיד, נאָר די צדיקים און קדושים זיינען מיר מספיד. דער רשע קריגט זיין שטראָף, ווי עס שטייט געשריבן אין תנך: „אוי לרשע רע כי גמול ידיו יעשה לו". אָבער די צדיקים ליידן צוליב זיי. איין זכות איז דאָ פאַר די זינ־דיגע, און דאָס איז, וואָס די יידן אין חוץ לארץ, ווערן געטריבן דורך רדיפות און גזירות פון רשעים צו זינד. דאַרום מוזן מיר בעטן ביי גאָט, אַז ער זאָל זיי, די זינדיגע פאַרגעבן, און אָפּשטעלן זייער שטראָף".

ער האָט מיט איינצלהייטן געשילדערט די גרויסע רציחות און געוואַלד־טאַטן פון די פאָגראָמטשיקעס. מען האָט געקענט הערן דעם וויינען און כליפּען פון גרויסן עולם. ענדלעך האָט ער גע־בעטן אַז אַלע זאָלן גיין צום כותל־מערבי, צו קבר רחל און קברי־אָבות, צו בעטן רחמים „אולי ירחם"!

אין דעם מענשנס לעבן, זיינען דאָ צייטן, ווען ער ווערט דורכ־געדרונגען פון געפילן, און פאַלט אַריין, ווי אין אַ קאָשמאַר, אַ חלום. עס קען זיין אַז דער איינדרוק פון די הספדים איבערן שטאָט האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין דעם צושטאַנד, עס קען אויך זיין אַז עס איז געווען צוליב דעם, וואָס עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז „עס איז משיחס צייטן". מיט די געפילן זיינען טויזנטער און טויזנטער אַרומגעגאַנגען יענעם דאָנערשטאָג צו די הייליגע קברים. זייער שטאַרק גלויבן און בטחון אַז נאָר דורך געבעט צו גאָט, קען מען ראַטעווען די יידן פון די פּאָגראָמען, האָט זיי געפירט אויף די וועגן.

די מוטער רחל איז געשטאָרבן אין וועג, ווען יעקב איז פון זיין ברודער עשון אַנטלאָפן. דער פּלאַץ פון איר קבר האָט געהייסן אפרת, ניט ווייט פון בית לחם, און אויפן וועג צו חברון, וואו די קברים פון די אבות געפינען זיך. זיינען אַ גרויסע צאָל אַוועק צו די אָבות, און אַ גרויסע צאָל זיינען געבליבן ביי רחלס קבר. אייניגע וועלכע האָבן געקענט באַצאָלן אַ בעל־עגלה, זיינען געפאָרן, אָבער מערערע זיינען געגאַנגען צופוס. דער גאַנצער וועג ביז קבר רחל, איז געווען פול מיט יידן, מענער, פרויען און דערוואַקסענע קינדער. דער הימל איז געווען ווי איין גרויסער בלויער צודעק, אָבער די זון האָט שטאַרק געברענט. אומעטום אויפן וועג האָט מען אָנגעטראָפן קופּעס מענשן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשטעלט אָפּרוען לעבן אַ ברונעם, פאַר אַ טרונק וואַסער, אָדער אַרום אַן אַראַבער, וועלכער איז נאָכגעגאַנגען און געטראָגן וואַסער אויף דער פּלייצע.

ביי דעם קבר רחל זיינען געווען טויזנטער יידן. אייניגע האָבן זיך אַריינגעשטופּט אין דעם קליינעם געצעלט, וואָס רינגלט אַרום דעם קבר. אָבער די גרויסע מאַסע זיינען געווען אין דרויסן און געזאָגט תפילות און תהילים בציבור: „רחל מבכה על בניה״.

די גרויסע צאָל יידן וועלכע זיינען פאַרבייגעגאַנגען דעם קבר־רחל, אויפן וועג קיין חברון, מיט סידורים און תהילימס אין די הענט האָבן אויסגעקוקט ווי וואַנדערער, און עס האָט דערמאָנט אויף די פאַרצייטיגע מחנות יידן, וועלכע זיינען געטריבן געוואָרן אין גלות, אין דער צייט ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן. זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען דעם קבר, און זיי האָבן געפילט און געהערט ווי די מוטער רחל וויינט... און בעט פאַר זיי און פאַר די יידן וועלכע זיינען אין גלות.

קינדער זיינען אַרומגעלאָפן און גערופן איינע די אַנדערע, זיי זאָלן צוגיין צום שוועל פון קבר און צולייגן די אויערן און הערן,

ווי די מוטער רחל וויינט. דער געוויין פון די מתפללים האָט אָפּגע־הילכט, און איז געקומען ווי פון קבר אַרויס...

פלוצלונג, ווי פון הימל אַרונטער האָט זיך אַ ספרדישער ייִד באַוויזן, אָנגעטאָן אין ווייסן, מיט אַ שופר אין האַנט. ער איז גע־שטאַנען אויף אַ באַנק, און דערציילט ווי ער האָט לעצטע נאַכט, אין חלום געזען דער מוטער רחל, אָנגעטאָן אין ווייסע קליידער און ווי זי איז געשטאַנען פאַר גאָט און געוויינט און געבעטן רחמים. זיי האָבן אים בשעת מעשה אָנגענומען אויב נישט פאַר משיחן אַליין, האָבן זיי אים אָנגענומען פאַר אַ שליח פון משיחן. אין אַ ווייסן כאַלאַט מיט לאַנגע און ברייטע אַרבל, וועלכע זיינען אַרונטער־געהאַנגען פון זיינע הענט, און מיט אַ קאָלירטן טורבאַן אויפן קאָפּ, האָט ער אויסגעזען געטלעך. ער האָט אויסווייניג אָנגעהויבן צו זאָגן תהילים פסוק נאָך פסוק, און אַלע האָבן אים נאָכגעזאָגט. צום סוף האָט ער געבלאָזן שופר, און דער עולם האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים.

אָט די דערינערונג וועט מיר קיין מאָל ניט אַרויס פון מיין זכרון.

JERUSALEM

פון ירושלים קיין תל־אביב

גאַר לייכט איז די רייזע פון ירושלים קיין תל־אביב היינט־צו־טאָג. אין פאַרגלייך מיט דער לאַנגער און ריזיקאַלישער נסיעה אַמאָל, איז עס ווי אַ קאַצן־שפרונג. צו פאָרן נאָך תל־אביב, חיפה, טבריה, אָדער אפילו צו באר־שבע, איז היינט אַזוי גרינג, ווי דאָס פאָרן צו די קעטסקיל־בערג פון ניו־יאָרק. היינט פאָרט מען, ווען מען וויל און וואו מען וויל, מיט מאָדערנע אויטאָמאָבילן און באָסעס, אין אַ שעה־און־אַ־האַלב נאָך תל־אביב.

מורא, איז אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט. מענשן פאָרן פון איין שטאָט אין דער צווייטער אָן שום מורא. מענשן אין אַל־געמיין, בפרט יידן, פילן זיך זיכער און באַשיצט צווישן אייגענע און פריינד. אַ ייד צווישן יידן פילט, אַז מען וועט אים קיין שלעכטס ניט טאָן. יעדער ייד אין ישראל פילט, אַז ער איז צווישן פריינד, מיט פופציג־זעכציג יאָר צוריק האָט אַ ייד מורא געהאַט צו גיין אַליין אין גאַס, צווישן טערקן און אַראַבער. דער ייד האָט געפילט דעם דרוק פון גלות און פון די שונאי־ישראל. היינט פילט און אָטעמט דער ייד פריי. זיין גאַנג און זיין באַוועגונג איז זיכער און שטאָלץ.

דאָס אָפּפאָרן פון ירושלים, נאָכן באַזוכן די אַלט־יידישע שטאָט, איז זייער רירנד און אינטערעסאַנט, ניט נאָר צוליב דער בילדער־ליכער פּאַנאָראַמע, וואָס דאָס אויג זעט, נאָר אויך צוליב די לעצט־געשאַפענע און אַלטע היסטאָרישע געפילן, וואָס דערוועקן זיך אין אייך. די הרי־יהודה זעטיגן דאָס אויג מיט שיינקייט. מען זאָגט, אַז גאָט האָט געגעבן דער וועלט צען מאָס שיינקייט. ניין מאָס פאַרמאָגט ירושלים. די אַלטע און נייע פלעצער און בנינים דער־פרייען דאָס האַרץ, מען פילט אַ בענקעניש, ווי אַ געליבטער וועלכער זעגענט זיך מיט זיין געליבטער...

ביים געזעגענען זיך מיט דער שטאָט ירושלים, וועקן זיך גע־

דאַנקען אין מוח און געפילן אין האַרץ. מ׳טראַכט, וואָס מען האָט געזען. די יידישע נעמען פון די גאַסן און פלעצער קלינגען נאָך אין די אויערן. עס שפיגלט זיך אָפּ פאַר די אויגן דער שיינער בן־יהודה בולוואַר, און עס שפיגלען זיך אָפּ די גאַסן: ישעיה, רמב״ם, מנחם אוסישקין און סעדיה גאון. וואו נאָך אין דער וועלט קאָן אַ ייד זען גאַסן אויף די נעמען פון אונדזערע נביאים און גאונים? נאָר אין ישראל!

ביים אָפּפאָרן פון ירושלים זוכן די אויגן, ווי זיי וואָלטן וועלן איינזאַפּן וואָס מער און מער פון דעם וואָס זיי זעען. אָט דער־זעט מען דעם שפּיץ באַרג, וואו הערצלס ביינער רוען און וואו די קברים פון די 31 העלדן, וועלכע האָבן מקריב געווען זייער לעבן ביי גוש־עציון. אָט ווענדן זיך די אויגן צו דער אַלט־היסטאָרישער שטאָט, וואו מען קאָן זען דעם הר־ציון, וואו דוד המלכס קבר גע־פינט זיך, און פון דערווייטנס קאָן מען זען דעם באַרג, וואו עס געפינט זיך דאָס גאָר אַלטע שטעטל „רמה״, וואו שמואל הנביאס קבר איז. ווען מען בליקט צום אַרומיגן שטח און די בערג, דוכט זיך, ווי יעדער באַרג און יעדער טאָל וואָלט אייך עפּעס געוואָלט דערציילן פון די מלחמות און באַהעלטענישן, וועלכע ליגן פאַרבאָרגן אין די היילן אַרום די בערג.

דאָס שטעטל „מוצא״, וואָס איז אַמאָל געווען אַ קאָלאָניע און האָט אויסגעזען ווי אַ קליין דערפל, איז שוין היינט אַ שיין באַוואוינט פלאַץ. דאָרט געפינט זיך היינט דער סאַנאַטאָריום „ארז״ — אַ צעדער־בוים וועלכן הערצל האָט געפלאַנצט מיט יאָרן צוריק. אין דעם הייל־פלאַץ געפינען זיך איצט אַרבעטער, מענער און פרויען, וועלכע האָבן געאָפּפערט זייער געזונט אויפן מזבח פון ישראל לאַנד.

דער פאַרקער צווישן ירושלים און תל־אביב היינט־צו־טאָג איז אַ רוישיגער. מענשן פאָרן הין־און־צוריק; מענשן גייען צופוס פון איין געגנט צום צווייטן, און די יידישע פּאָליציי באַוואַכט דעם וועג. מען פאָרט פאַרביי יידישע „מעברות״ און אַראַבישע

דערפֿער. מען זעט אַרבעטער ביי מאַשינען וואָס גראָבן וואַסער. מען זעט דאָ אַ פֿאַבריק, מ'אַקערט און מ'פּאַרזייט און מען פֿאַרפּלאַנצט נייע ביימער. שוין טויזנטער אויפֿגעוואַקסענע ביימלעך זיינען פֿאַרפּלאַנצט נאָענט צום וועג פֿון דעם אָפּיס פֿון נאַציאָנאַל־פֿאָנד.

דער וועג פֿון ירושלים קיין תל־אביב איז היינט ווי אַן אַרטעריע פֿון לאַנד ישראל, דורך וועלכן עס פֿליסט דאָס בלוט און גיט דעם קערפּער קראַפֿט און לעבן. דורך דעם וועג האָט מען געפֿירט שפּייז און וואַסער פֿאַר די באַלאַגערטע יידן אין ירושלים, אין דער צייט פֿון דער ישראל־אַראַבישער מלחמה. צווישן די בערג און טאָלן, וואו אַראַבער האָבן באַהאַלטענערהייט געשאָסן, זיינען יידישע קעמפֿער געפֿאָרן אין פֿייער, מיט געפּאַנצערטע „דזשיפּס" און טראָקס, און געבראַכט הילף צו זייערע ברידער און שוועסטער אין ירושלים. אויף דעם וועג זעט מען נאָך היינט די צעשאָסענע דזשיפּס ליגענדיג, ווי אַ זכר לחורבן, אויף דער זייט פֿון וועג. אַ ציטער גייט דורך דעם קערפּער, ווען מען קוקט אויף דער טייוולשער אַרבעט פֿון די אַראַבער. אָט זעט מען דעם „מאַרקוס־מאָנומענט" פֿון דעם אַמעריקאַנער יידישן העלד, וועלכער איז דאָ דערשאָסן געוואָרן. הונדערטער פֿון די העלדישסטע יידישע קינדער זיינען דאָ אויפֿן וועג דערמאָרדעט געוואָרן אויף דעם גרויזאַמסטן אופֿן.

רמלה איז ניט מער ווי אַן אַראַביש דערפֿל מיט אַ יידישער אכסניה, נאָר איז היינט אַ שיינע יידישע שטאָט, מיט געשעפֿטן און פֿאַבריקן. דאָרט געפֿינט זיך אויך איינער פֿון די 57 פּאָליצייבנינים, וואָס ענגלאַנד האָט געבויט ווי אַ פֿעסטונג. ווען ענגלאַנד האָט פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד, האָבן די יידן דאָס איבערגענומען. איצט זעט מען ווי עס וויברירן אין און אַרום דעם בנין יידישע סאָלדאַטן און אָפֿיצערן; און מיט גאָטס הילף וועלן זיי שטעלן דאָס לאַנד אויף די אייגענע פֿיס...

מיין לעצטע נאַכט אין דער ישיבה

עס איז געווען פרייטאָג פאַרנאַכט, אין דער צייט פון ליכט־בענטשן. נאָך אַ טאָג פון שווערער אַרבעט, פון צוגרייטן דעם שבת, האָט מיין מוטער זיך אָנגעהויבן אָנצוטאָן, כדי מקבל שבת פנים זיין. מיין מוטער איז געווען זייער פּינקטלעך און פרום אין אָפּהיטן די צייט פון ליכט־בענטשן. דעם מאָל האָט זי זיך אַ ביסל פאַרשפּעטיגט מיט עטלעכע מינוט פון דער געוויינלעכער צייט. זי האָט מיט אימפּעט אָנגעטאָן די שבתדיגע קליידער, און געכאַפּט בענטשן ליכט. ווייזט אויס אַז דאָס שוועבעלע, אַן אָנגעצונדענע, איז אַרונטערגעפאַלן און אָנגעכאַפּט אירע קליידער.

אין פלאַמען איז זי אַרויסגעלאָפן אין גאַס. אירע געשרייען האָבן צוזאַמענגעבראַכט די שכנים פון דעם געגנט. דער טרומייטער וועלכער האָט גראָד געבלאָזן, אין דער צייט אָנצוזאָגן די שטעטל אַז דער שבת קומט אָן, איז אויך אפשר געווען ווי אַ רוף צו ראַטעווען מיין מוטער פון דעם פייער. מענשן האָבן אַראָפּגעכאַפּט די קליידער פון זיך, כדי אויסצולעשן דעם פייער, אָבער זי איז שוין געווען איינגאַנצן אַ צעברענטע. ביז מען האָט געבראַכט דעם דאָקטאָר פון אַן אַנדער געגנט, וועלכער איז געגאַנגען צופוס, צוליב שבת, איז זי געווען אַזוי צעברענט, אַז איר לייב איז געווען שוואַרץ ווי קויל. ערשט צומאָרגנס, שבת אין דער פרי, האָבן מענשן איר געטראָגן, פון ניי־ירושלים צו אַלט־ירושלים, וואו דער ביקור־חולים האָט זיך געפונען.

ווען אָט דער אומגליק האָט אונדז געטראָפן, בין איך געווען אַ דרייצן יאָריקער בחורל, ערשט עטלעכע חדשים נאָך מיין בר־

מצווה. איך בין געווען דאָס איינציק קינד, אין אונדזער הויז־געזינד, וואָס האָט געקענט באַגרייפן, וואָס מיט מיין מוטער האָט פּאַסירט. די אַנדערע קינדערלעך זיינען נאָך געווען צו יונג צו פאַרשטיין דעם גרויסן אומגליק. זיי האָבן נאַטירלעך געוואוסט, אַז די מוטער איז „קראַנק״, און אַז מ׳האָט איר גענומען אין שפּיטאָל, אָבער זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען איר קריטישע לאַגע. מיך אָבער האָבן אירע ווײ־געשרייען, טיף אין מיין האַרצן אַריינגעדרונגען, און עס האָט מיר געדריקט און געפּלאָגט.

אין פאַרגלייך מיט דער היינטיגער שטאָט ירושלים, איז די דעמאָלסדיגע שטאָט געווען אַ שרעקלעך צוריקגעשטאַנענע. קראַנק־הייטן האָבן געבושעוועט כמעט אין אַלע הייזער, ווייל עס זיינען ניט געווען גענוג דאָקטוירים; און די דאָקטוירים וועלכע זיינען דאָרט יאָ געווען, האָבן ניט געהאַט די אייראָפּעאישע דערפאַרונג, און אויך ניט די מאָדערנע מיטלען צו היילן. אין דעם שפּיטאָל, האָבן די דאָקטוירים אָנגעטאָן מיין מוטער די שרעקלעכסטע יסורים. דעם איינציגן מיטל צו היילן די וואונדן, ווייזט אויס, וואָס זיי האָבן געוואוסט, איז געווען אויסצושניידן פון איר, די פאַר־ברענטע פלעצער אַרום לייב. ווער קאָן דאָס גאָר משער זיין דעם פּיין און אירע אומבאַשרייבלעכעליידן?

מיין מוטערס אומגליק האָט מיך געפּייניגט און געמאַטערט, קערפּערלעך און גייסטיג. קערפּערלעך האָב איך מיטגעפילט אירע וויטאָגן, אירע געשרייען האָבן תמיד אָפּגעהילכט אין מיינע אויערן, און דאָס בילד פון דעם פלאַם, וואָס האָט ערב־שבת אַרומגעכאַפּט מיין מוטער, איז שטענדיג דערשינען פאַר מיינע אויגן, ברענענדיג ווי אַ הייליגער פלאַם פון גאָט אַליין. גייסטיג האָט דער עפעקט פון דעם אומגליק, מיר אינגאַנצן צעטומלט. אַלץ האָט אויסגעקוקט אין מיינע אויגן פאַרדעכטיג. אַפּיקורסישע געדאַנקען זיינען אויפּ־געשוואומען אין מיין קליינעם מוח. איך האָב געקוקט צום הימל,

און זיך געפרעגט: — אויב עס איז דאָ אַ גאָט, וואו איז זיין גערעכ־טיקייט? — איך האָב זיך געפרעגט קשיות, און ניט געקענט פאַר־ענטפערן. מיין יונגער מוח האָט ניט געקענט באַגרייפן אַזאַ אומ־געהויערע שטראָף, פאַר אַ פרומע, גאָטס־פאַרכטיגע פרוי, ווי מיין מוטער איז געווען. מיין מוטער איז דאָך אויפגעהאָדעוועט גע־וואָרן אין אַ רבס הויז, און געוואוסט פון דינים און כשרות, און מאַראַלע אויפפירונגען. זי איז געקומען קיין ירושלים צוליב איר שטאַרקן גלויבן, היינט פאַרוואָס איז עס איר געקומען? האָב איך דאָך געלערנט אַז אַלץ ווערט געטאָן פון גאָט; היינט פאַרוואָס האָט ער עס איר געטאָן? עפעס האָט מיך געמאַטערט און געמו־טשעט, עפעס האָט אין מיר רעוואָלטירט, איך האָב געפילט, ווי אַ סטרונע איז אין מיין האַרצן איבערגעריסן געוואָרן. די פאַסירונג האָט געמאַכט אַזאַ שטאַרקן רושם אויף מיר, אַז עס האָט געביטן מיין ווייטערדיגן גאַנג און קוק אויפן לעבן.

מיין פאָטער איז אויך געווען אַ שטאַרק פרומער. מיינע גע־דאַנקען און געפילן, האָב איך נאַטירלעך ניט געוואָגט אַרויסזאָגן פאַר אים, דאָך דענק איך אַז ער האָט געפילט אַן אומרואיגקייט, צוליב מיין האַלטונג און שטומען שווייגן. איך געדענק נאָר, אַז ווען איך האָב איינמאָל אַרויסגעזאָגט די ווערטער: „פאַרוואָס קומט עס איר?" האָט ער מיר געענטפערט: „אַז אַ ייד מוז אַלץ אָננעמען באהבה", און „גאָט און זיין משפט איז גערעכט", אָבער מיך האָט עס גאַנץ ווייניג באַפרידיגט.

דורך יענער צייט האָב איך דורכגעלעבט עפעס אַזוינס, וואָס איך קען ניט באַשרייבן, איך בין אינערלעך געוואָרפן געוואָרן צווישן צוויי וועלטן: צווישן גלויבן און צווייפל, אַנשטאָט זיין אַריינגעטאָן אין לערנען, בין איך געווען מער פאַרטאָן אין שטיל־שטומען געבעט, אַז מיין מוטער זאָל געזונט ווערן.

צו לערנען האָט זיך מיין קאָפּ שוין ניט געקלעפּט. באַזונדערס געדענק איך יענעם דאָנערשטאָג, וואָס געוויינלעך פלעגן מיר, ישיבה בחורימלעך אויפזיין אַ גאַנצע נאַכט און לערנען, אָבער יענעם לעצטן דאָנערשטאָג, האָט עפּעס מיט מיר פּאַסירט, וואָס האָט מיר אי־בערגעקערט מיט די וואָרצלען...

כאָטש איך האָב נאָך געלערנט אין ישיבה, אַרום דריי יאָר נאָך מיין מוטערס טויט, באַטראַכט איך אָבער, יענע נאַכט פון דאָנער־שטאָג, וואָס איז דעמאָלט אויסגעפאַלן אויפן 28טן חשון, פאַר מיין לעצטע נאַכט פון דער ישיבה. דאָס לערנען נאָך יענער נאַכט, איז שוין ניט געווען דאָס לערנען פון אַ פרום ייִנגל, נאָר פון איינעם, וועלכער לערנט נאָר צו פאָרשן און זוכן דעם וועג און באַדייט פון דעם לעבן. איך האָב געוואָלט וויסן צו עס איז טאַקע דאָ אַן „עולם־התיקון”, צי עס איז טאַקע דאָ אַ גן־עדן פאַר צדיקים, און גהינום פאַר רשעים, און די וועלכע גלויבן ניט אין גאָט. מוז דער מענש אויף דער וועלט ליידן דחקות און זיך מוטשען; און וואָס איז סתם דער זין פון לעבן?... יענעם דאָנערשטאָג ביינאַכט, בין איך אַרונטער פון דער ישיבה, וועלכע האָט זיך געפונען אויף דער יידישער גאַס, און זיך געלאָזט גיין, דורך די שמאָלע געסלעך פון אַלט־ירושלים, צו מיין פאָטערס קלייט, וואָס איז געווען אַ ביסל אויסערן שטאָט, וואו מיין פאָטער האָט פאַר מיר געוואַרט. די גאַסן אין אַלט־ירושלים זיינען געווען שטיינערנע, און געוויינלעך פלעגן מיר מורא האָבן צו גיין אַליין ביינאַכט דורך די גאַסן, אָבער איך האָב די נאַכט ניט געפילט קיין שום מורא, און איך בין איינער אַליין אַהין אַוועק. עס איז געווען פינצטער, אפילו אַ שאָטן אויף דער וואַנט האָט מען ניט געקענט זען; יעדן טראָט פון מיינע שיך האָט דער עכאָ אויפגעכאַפּט, און דער אָפּקלאַנג האָט זיך געקענט הערן פאַר לאַנגע גאַסן לענג, אָבער עס האָט מיך ניט געאַרט. מיר האָט זיך אָפּגעדוכט אַז איך האָב דעמאָלט געקענט זיך קעגנשטעלן יעדן

אַראָבער, וואָס וואָלט מיך באַפאַלן.

איך בין אַרויס פון דער אַלט־שטאָט ירושלים, צו יפוס טויער צו. דער הימל איז געווען פאַרכמאַרעט און פינצטער, ווי אין אַ ווינטער־נאַכט. איך האָב אין יענער נאַכט קיין איין שטערן ניט גע־קענט זען, וואָס זאָל אַ פריינדלעכן וואונק טאָן צו מיר, און אַ בי־סעלע טרייסט מיר געבן. אַלץ וואָס איך האָב געזען, איז געווען אַ קליין טונקעלע ליכט, פון אַ פענצטער פון אַ קאַזאַרמע, ביי יפוס טויער.

ווען איך בין צוגעקומען צו מיין פאָטערס קלייט, איז די טיר געווען צוגעמאַכט, נאָר דורך די שפּאַלטן פון די טירן האָב איך אַ ליכט דערזען. איך האָב געזען מיין פאָטער, ווי ער איז געשטאַנען צו מזרח צו און זיך געשאָקלט. איך האָב ביי זיך געטראַכט, אַז ער זאָגט תהילים, און בעט פאַר מיין מוטערס רפואה שלימה. איך האָב אָנגעקלאַפּט, אָבער איך האָב געמוזט וואַרטן אַ פינף מינוטן ביז ער האָט מיר די טיר געעפנט, ווייל ער איז געשטאַנען שמונה־עשרה. ווען ער האָט די טיר געעפנט, האָב איך גלייך באַמערקט זיינע פאַרוויינטע אויגן. ווען איך האָב אים געפרעגט: וואָס די מאַמע מאַכט? האָט ער אַרונטערגעלאָזן דעם קאָפּ און שטילערהייט אַרויסגעזאָגט: „ברוך דיין אמת" און „גאָט און זיין משפט איז גערעכט". איך בין גלייך אַוועקגעפאַלן אַ פאַרחלשטער אויף דעם שטיינערנעם דיל. ווי לאַנג עס האָט געדויערט ביז איך בין צו זיך געקומען נאָכן אָפּמינטערן מיך — געדענק איך ניט, אָבער איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן, אַז יענע בייזע נאַכט, איז געווען די לעצטע נאַכט פון מיין מוטערס לעבן, און אויך מיין אמתע לעצטע נאַכט אין דער ישיבה.



כותל־מערבי

דער בעל־עגלה פון ירושלים

אַן עפּיזאָד פון מיינע קינדער יאָרן

גדליה דער קוטשער מיט זיינע דריי שטאַרקע און הויכע זין האָבן זיך באַשעפטיקט מיט פירן פּאַסאַזשירן פון ירושלים נאָך יפו און צוריק. זיי האָבן כמעט אַ חזקה אויף דעם געהאַט. צוליב דער שטענדיקער געפאַר פון אַראַבישע רויבער, וועלכע האָבן גע־לויערט אויפן וועג, האָבן זיך מענשן געפילט זיכערער צו פאָרן מיט זיי. גדליהס זין האָבן גערעדט גוט אַראַביש און אויך געקאָנט געבן אַ גוטן קלאַפּ, ווען ס׳איז נויטיק געווען.

די רייזע, וועלכע נעמט היינט ניט מער ווי אַ שעה און אַ האַלב, האָט דעמאָלט גענומען אַ גאַנצע נאַכט. פאַרנאַכט איז מען אַרויס־געפאָרן מיט דער יפוער גאַס, און ערשט אין דער פרי איז מען אָנגעקומען אין יפו. די אַלטע קאָלאָניע „מוצא״ איז געווען די לעצ־טע באַוואוינטע געגנט, אַרויספאָרנדיק פון ירושלים.

געדענק איך, ווען מ׳איז דורכגעפאָרן אָט־די קאָלאָניע, און אַז די פור האָט געדאַרפט פאָרן באַרג אַרויף, האָט דער בעל־עגלה געבעטן די רייזענדע, במחילה, אַרונטערצוגיין פון וואָגן און אַרויפ־קלעטערן צופוס דעם הויכן באַרג. „צו שווער פאַר די פערד צו שלעפּן באַרג־אַרויף״, האָט דער קוטשער זיך געבעטן ביי אונדז מיט רחמנות...

די פּאַסאַזשירן זיינען געווען אַלע יידן, אויסער איין אַלטער מאַן, וועלכן מיר האָבן באַלד דערקענט אַלס מיסיאָנער. דער אַלטער האָט זיך אָנגעזעצט אונדז צו באַקערן צום קריסטנטום — נאָך

פאַר שחרית... זאַוועל, דער קוטשער, וועלכער איז געווען אַ פרומער ייד, איז געוואָרן אַזוי אין כעס, אַז ער האָט אים אַרונטערגעשלעפּט פון וואָגן און אים איבערגעלאָזט אויפן וועג איינער אַליין.

די גאַנצע שטרעקע פון ירושלים ביז יפו איז כמעט געווען אַ פאַרלאָזענע. דאָ און דאָרט איז געווען אַן אַראַבישער דאָרף אויף אַ באַרג, אָדער בעדואינער אין די טאָלן, וועלכע האָבן געוואוינט אין ביידלעך מיט זייערע פערד־און קעמלען. ביז רמלה איז ניט געווען קיין אָפּשטעל; אין רמלה האָט מען זיך אָפּגעשטעלט און אָפּגערוט אויף אַ ווייל.

דער וועג איז ניט געווען ברוקירט ווי היינט, און אויפן זאַמדיגן און שטיינערנעם וועג האָט דאָס קייקלען פון די רעדער און די שווערע טריט פון די פערד אָפּגעהילכט מיסטעריעז אין דער שטילקייט פון דער נאַכט. אַ קלאָרער, בלויער הימל מיט ווייסע, קליינינקע וואָלקענדלעך, צווישן די בלישטשענדיגע שטערן האָבן אַראָפּגעקוקט צו אונדז. אויסער אַ זעלטענעם סוויסטש פון אַ פויגל, אָדער אַ געוויין פון אַ שאַקאַל איז געווען שטיל, אַזוי שטיל, אַז ס׳האָט זיך געדוכט, ווי די שטילקייט קומט אַרויס פון איר באַ־העלטעניש און באַהערשט אונדז. בלויז איך אַליין בין געבליבן וואַך, די איבעריגע האָבן איינגעדרימלט.

צוליב די אָפטע איבערפאַלן פון די אַראַבער, האָבן פּאַסאַזשירן געהאַט מיט זיך נאָר דאָס סאַמע נויטיגסטע, די קליידער וואָס מ׳טראָגט אויף זיך און ווייניג געלט. ר׳ נחום לעווין, אַ היבער מאַן און חזן פון ירושלים, איז געווען דער איינציגער וועלכער האָט געהאַט געלט מיט זיך צו קויפן אתרוגים פאַר יום־טוב, און אַ פרוי האָט געפירט מתנות פאַר אירע קינדער אין יפו.

זאַוועל איז זיך געזעסן רואיג און שטיל. נאָר ווען די פערד, נעבעך מידע און אויסגעמאַטערטע, זיינען געגאַנגען צו־לאַנגזאַם, האָט ער אויפגעהויבן די בייטש און געשאָלטן די פערד מיט קללות,

וואָס נאָר פערד קאָנען הערן, שווייגן און פאַרשטיין...

פלוצלונג זע איך ווי אונדזער קוטשער זאָוועל ווערט אומרואיג. ער דרייט דעם קאָפּ אַהין־און־אַהער, קוקט צום הינטן פון וואָגן, שטעלט זיך אויף און זאָגט צו מיר: „זיי זיינען דאָ!‟ מיר הערן דעם געלאַף פון פערד, וואָס הילכט אָפּ פון דעם שטיינערנעם וועג אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט. אין אַ ווײַלע אַרום, אַהאַ, זיי זיינען דאָ! בעדואינער אויף דריי פערד האָבן אונדז אָנגעיאָגט. מיט ביקסן אויף זייערע פּלייצעס און זייערע הענט אין די לאַנגע אַרבל, האָבן זיי אויסגעזען ווי שאָטנס אין דער נאַכט. אַ באַפעל איז געקומען פון דעם פירער זייערן, אַז מיר זאָלן זיך אָפּשטעלן.

ניט דערשראָקן, רואיג און ניט צעטומלט, האָט דער קוטשער אָפּגעשטעלט דעם וואָגן און אונדז אָנגעזאָגט: ניט צו רירן זיך פון אונדזערע פּלעצער. כאָטש מיר זיינען אַלע געווען טויטלעך־דער־שראָקן, האָבן מיר אָבער, דורך דער רואיגקייט פון קוטשער געפילט אַ זיכערקייט און אַז מיר זיינען באַשיצט.

ווי נאָר מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, איז דער פירער פון דער באַנדע צוגעריטן צום זייט פון דעם קוטשער און אים באַפוילן אַרונ־טערצוגיין פון וואָגן. דער קוטשער האָט אָפּגעלאָזט די לייצעס, און ווי אַ פייל פון בויגן אַרויפגעשפרונגען אויף דעם רויבערס פערד. ער האָט זיך געראַנגלט מיט׳ן רויבער, ביידע זיצענדיג אויפ׳ן פערד, ביז ער האָט דעם רויבער מנצח געווען. עס האָט ניט מער גענומען ווי עטלעכע מינוטן, און דער רויבער איז אַרונטערגעפאַלן פון פערד. דער ביקס, וועלכער איז פריער געווען ביים אַראַבער אויף די פּליי־צעס, איז איצט געווען ביים קוטשער אין די הענט געצילעוועט צו די רויבער. צוויי פון די רויבער זיינען גלייך אַנטלאָפן און דער פירער איז געבליבן איינער אַליין. דער רויבער איז געווען אַ גע־פאַנגענער, מיט זיינע הענט געבונדן פון הינטן. דאָס פערד האָט דער קוטשער אויך צוגעבונדן צום וואָגן. און אַזוי האָט ער זיי גע־

פירט ביז רמלה, און זיי איבערגעגעבן צו דער טערקישער פאָליציי.

ווען ס'וואָלט ליכטיג געווען וואָלט איך געקענט זען, זאַוועל'ס פּנים באַלויכטן מיט אַ שטראַל פון נצחון. איך, אַלס יונגער ייִנגל האָב, ביז דעם דאָזיקן אינצידענט, ניט געזען אַזאַ בראַוון און מוטיגן מענשן.

ווען זאַוועל האָט איילִיג זיך צוריקגעזעצט לעבן מיר, האָט ער געכאַפּט די לייצעס אין זיינע הענט און אָנגעטריבן די פערד. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו מיר און מיך אָנגעקוקט מיט זיינע ביסטרע אויגן, ווי אַ לערער קוקט אויף זיין תלמיד, נאָך אַ שווערן ענין אין לערנען... ער האָט אויסגעשריען צו מיר: „דו צוציק, דו זעסט ווי מ'דאַרף זיי אָנלערנען? „מורא" איז דער סוד פון אונטערגאַנג. „מורא" איז געפאַלנקייט, און דער אומגליק פון אַלע יידישע צרות, דאָ ביי אונדז אין ארץ ישראל און איבער גאָר דער וועלט. מיר יידן מוזן זיך לערנען צו זיין געוואַגט, בראַוו און קעמפעריש. די פּלייצעס ניט געבויגן, נאָר שטיין שטאָלץ, גלייך, און אויפהויבן די הענט און געבן אַ קלאַפּ ווען מען דאַרף, אַן אויג פאַר אַן אויג! און אַ צאָן פאַר אַ צאָן! דאַן וועלן אָט די ווילדע אַראַבער ציטערן פאַר אונדז". איך האָב זיך געטראַכט: „הלוואי וואָלטן מיר געהאַט פיל אַזעלכע יידן ווי זאַוועל, וואָלטן מיר אפשר ניט אַזוי פיל געליטן אין גלות".

מיר זיינען אַלע געזעסן געמיטלעך און גערעדט וועגן דעם אינצידענט און שטילערהייט געבענטשט זאַוועלן פאַר זיין העלדישקייט און אויך גאָט, פאַר דעם גרויסן נס, ביז מיר זיינען אָנגעקומען אין רמלה.

רמלה איז דעמאָלט געווען אַ קליין אַראַביש שטעטל, מיט עטלעכע יידישע פאַמיליעס. דאָרטן איז אויך געווען אַן אכסניה, וואָס האָט געהערט צו אַ רומענישן יידן. ער און זיין שיינע פרוי האָבן געאַרבעט שווער צו באַדינען די דורכפאָרער, בייטאָג און ביינאַכט.

זעקס טעג אַ וואָך. דאָרטן האָט מען אויך אַמאָל געקאָנט קריגן אַ מנין אָפּצודאַוונען, פון די אַרומיקע קאָלאָניסטן און רייזענדע. מיר האָבן געטרונקען טיי און דערנאָך אָפּגעפאָרן קיין יפו.

פון רמלה ביז יפו איז דער וועג געווען באַשיצט דורך אַ גרויסן פאַרקער. אַראַבישע קעמל־קאַראַוואַנען און יידישע קאָלאָניסטן האָבן געפירט פאַרשיידענע סחורות, עסנוואַרג און פרוכטן קיין יפו, פאַר עקספּאָרט און פאַרן שטאָטישן געברויך.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין יפו איז שוין געווען פאַר מיטאָג. דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מאַרק, וואו פאַלאַכן, פרויען און מענער, האָבן פאַרקויפט אייער, גרינסוואַרג און פרוכטן, וואָס זיי האָבן געבראַכט פון די דערפער צו פאַרקויפן. און מיר האָבן פאַר זיך דערזען אַ לעבעדיגע וועלט.

פון מיינע קינדעריאָרן אין ירושלים

אַן עפּיזאָד

אין דעם חודש אלול, אין די געציילטע טעג פאַר די ימים־נוראים, שפּאַרן זיך אין מוח געדאַנקען פון גלויבן און רעליגיע. עס וועקן זיך דערינערונגען פון געפּאַקטע שולן, מיטן חזן בראש ביים עמוד, ווען ער צוזאַמען מיט קהל, זאָגן און זינגען האַרציגע תפילות, מיט הייסע טרערן אין די אויגן.

אונדזער מאָדערנער דור, ראַדיקאַלן, פריי־געזאָנענע און פּשוט ניט גלויביגע קענען זיך זיין אַפּאַטיש און גלייכגילטיג, צו דעם פרומען רעליגיעזן מענטשן. עס זיינען אפילו דאָ אַזוינע, וועלכע פאַרגינען זיך אָפּצולאַכן און שפּאָטן אָפּ, ווען זיי זעען אַ יידן גיין מיט טלית און תפילין אונטערן אָרעם, אין שול אַריין, אָבער טיף אין האַרצן טראָגן זיי אַ געוויסן אַכט און רעספּעקט, פאַר דעם דאָזיגן פרומען גלויביגן מענש. דערפאַר ברענג איך דאָ, אין די פאָלגנדיקע שורות, מיינע דערינערונגען, פון מיינע קינדער־יאָרן אין ירושלים, וועלכע איך האָב איבערגעלעבט דאָ אין אַמעריקע.

פאַר מיינע אויגן, שטייט נאָך היינט אַ בילד, פון מיין פאָטער ע״ה, איינגעוויקלט אין טלית. איך קען נאָך היינט הערן, דעם אָפּ־קלאַנג פון זיין געבעט, און זע נאָך זיינע הייסע טרערן.

עס וואונדערט מיך, מיט אַ געפיל פון חרטה מיין גלייכגילט, און דעם ניט פאַרשטיין און באַנעמען שלעכט די שטאַרקייט פון זיין פרומען גלויבן, זיין תמימות און זיין קניען פאַר גאָט, ווי ער וואָלט אים געזען מיט זיינע אויגן. היינט, כאָטש איך בין ווייט פון

צו זיין אַ גאַר שטאַרק־גלויביגער, איז מיין פּאָטער ע״ה געוואָרן ביי מיר דערהויבן, פאַר זיין אויפריכטיגן און אמתדיגן גלויבן.

איינע פון די צען הייליגע געבאָטן פאַרן מענטשן: „כבד את אביך ואת אמך״, ליגט געוויס אויף מיינע ליפּן, און האָט געוויס איינגעפּלאַנצט אין מיין האַרצן געפילן פון „כיבוד־אב״, אָבער די געפילן, קען דאָך יעדעס קינד האָבן צו זיינע עלטערן, צו זיי זיינען רעליגיעז אָדער ניט. געפילן ביי די קינדער זיינען פאַרשיידן, זייער רעספּעקט איז ווי צו אַ גוטן פאָטער און גוטער מוטער, זיי זיינען נאַטירלעכע, אָדער מאַטעריאַליסטישע געפילן, ווען דער טאַטע, למשל, האָט דאָס קינד געגעבן אַלע באַדערפענישן, געקליידט און געשוכט אָדער געשיקט אים אין קאָלעדזש. אָבער כיבוד־אב צו אַ פרום גלויביגן פאָטער איז אַנדערש, עס איז אַ הייליגער „כיבוד־אב״, און עס ווערט נאָך הייליגער, ווען מען קען פאַרשטיין און אָפּשאַצן דעם פאָטערס שטאַרקן און אומקאָמפּראָמיסלעכן גלויבן אין גאָט, אַלס מלך מלכי המלכים.

יאָ, מיין פּאָטער איז געווען אַ שווערער און טיכטיגער אַרבעטער. ער האָט ווייזט אויס געגלויבט אין גאָטס ווערטער: „בזעת אפיך תאכל לחם״. ער האָט קיינמאָל ניט געוואָלט, אַז אַנדערע זאָלן אים העלפן אָדער שטיצן. ער האָט אפילו ניט געוואָלט, אַז זיין ווייב זאָל אים מיטהעלפן מאַכן אַ לעבן, ווי אַ סך פרומע לערנערס פלעגן זיצן און לערנען, און די ווייב איז געווען די ברויט־פאַרדינערין. ניין, ניט מיין פאָטער. ער איז אפילו אַליין געגאַנגען איינקויפן מיט אַ קויש אין האַנט, און געבראַכט פון אַלדאָס גוטס צו ווייב און קינדער, מיט אַ שמייכל און ברכה אויף זיינע ליפּן. וואָרום האָב איך דעמאָלט ניט אָפּגעשאַצט זיין אויפפירונג, און ניט אָנערקענט זיין גוטסקייט און גלויבן אין טאָן מעשים טובים?

מיין פּאָטער ע״ה האָט קיינמאָל ניט געזוכט עשירות, צו האָבן געלט און זיין פאַרמעגלעך. ווען ער האָט נאָר געהאַט פאַר די באַ־

דערפּענישן פון זיין פאַמיליע, איז ער געווען צופרידן. עס זיינען געווען צייטן, ווען עס האָט געפּעלט אויף ברויט, איז ער אַרומגע־גאַנגען מיטן קאָפּ געבויגן, און מיט די אויגן צו דער ערד, פאַר־קלערט און פאַרטראַכט, ווי אין אַ טרוים, אָבער צו מיין מוטער פלעגט ער זאָגן: „מאָרגן איה״ש וועט גאָט אונדז מטיב זיין פאַר היינט מיט אַלץ, ער וועט אונדז אויך פאַרגיטיגן פאַר אונדזערעליידן. אפילו אין אַ שעה ווען עס האָט אים שטאַרק געקלעמט, האָט ער זיך ניט געלאָזט אָפּנויגן פון זיין גלויבן. טענות האָט ער צו קיינעם ניט געהאַט. ווי האָט ער זיך געקענט באַקלאָגן, אַז ער האָט געגלויבט אַז אַלץ ווערט געטאָן פון גאָט לטובת אדם?

אַלס אַ יונגער בחורל, איז מיין פאָטער געקומען קיין ארץ ישראל, צוזאַמען מיט די קאָלאָניסטן, אין די נייינציקער פון לעצטן יאָרהונדערט. ער האָט געאַרבעט, געפּלאַנצט און געזייט און גע־שלאָפן אויף שטרוי אין הילצערנע בודקעס. ווייניג פון די קאָלאָניסטן זיינען געווען רעליגיעז. ווי ער האָט מיר דערציילט, האָבן זיי ניט געהיט קיין כשרות, האָבן מחלל שבת געווען, און געוויס ניט געטראָגן היטלען און פיאות.

די קאָלאָניסטן, האָבן חלילה ניט אָפּגעלאַכט פון אים פאַר זיין פרומקייט. זיי האָבן אָבער ניט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזאַ יונגער מענש קען זיין אַזוי פרום. אָפט האָבן זיי פאַרפירט דיסקוסיעס מיט אים. פילע פון די קאָלאָניסטן, זיינען געווען סטודענטן פון איראָפּע, זיי האָבן געשטודירט און געלייענט. אין איין שמועס האָבן זיי אים געפרעגט: צי ער גלויבט ווירקלעך אַז עס איז דאָ אַ גאָט, וועלכער פירט די וועלט? מיין פאָטער איז נשתומים געוואָרן פון דער פראַגע. ער האָט זיך גאָר ניט געקענט פאַרשטעלן, אַז עס זיינען דאָ אַזוינע, וועלכע וויסן ניט אַז עס איז זיכער דאָ אַ גאָט, אָבער ער האָט תמיד געענטפערט: געוויס איז דאָ אַ גאָט. גאָט איז

דער באַשאַפער פון הימל און ערד, און פון מענש, חיה און פלאַנץ. ווי וועלן אַריינדרינגען טיפער אין זיין נשמה, האָבן זיי אים גע־פרעגט: צי האָט ער אַ באַגריף ווי גאָט זעט אויס? האָט ער ווען געזען גאָט? האָט ער, מיין פאָטער, זיי פילאָזאָפיש געענטפערט: און ער האָט עס מיר אויך פיל מאָל געזאָגט, אויף דעם שטייגער: „מיין קינד, ניט אַלץ וואָס די אויג זעט, איז גאָר דאָס שענסטע, עס איז דאָס וואָס מען דערזעט ניט, נאָר מעז פילט עס אויס מיט גלויבן, איז וואָס איז אָנציענדיק און דאָס דערהאבנסטע, און אפשר דאָס שענסטע. עס איז ניט וואָס שוין אַרויסגעזאָגט, נאָר וואָס עס איז ניט דערזאָגט, וואָס שאַפט דעם נייגער צו וועלן וויסן, לערנען און פאַרשטיין. יאָ, איך גלויב אין גאָט, כאָטש איך זע אים ניט מיט מיין נאַקעט אויג, אָבער איך פיל מיט מיין חוש און מיט געפילן אין מיין האַרצן. איך באַוואונדער ווי גאָט האָט באַשאַפן די לבנה און שטערן, די ערד און ימים, און די ליכט בייטאָג און די פינצטערניש ביינאַכט. מיר יידן, זיינען ניט ווי גויים. מיר האָבן ניט נאָר אַ גוף, מיר האָבן אויך אַ נשמה, צו קענען פאַרנעמען די גשמיות, און ווי הייליג צו האַלטן אונדזער גלויבן אין גאָט".

צי עס איז געווען אַ צופאַל, אָדער אַ באַשערטע געשעעניש, אַז צווישן די דעמאָלטדיגע קאַלאַניסטן, זאָל זיך געפינען מיין פאָטערס זיווג, ווייס איך ניט, אָבער איך ווייס אַז איינע פון די קאָלאָניסטקעס, האָט מיט אים שפעטער חתונה געהאַט. זי איז געווען מיין מו־טער ע"ה.

די מיידל האָט אים צוגעצויגן ניט נאָר מיט איר שיינקייט, נאָר אויך פאַר איר באַשיידנקייט און האַלטן זיך מיט איר אויפפירונג און לגבי כשרות. זי האָט אויסגעבראַקירט דאָס עסן. וויסנדיק אַז מיין פאָטער איז פרום און היט אָפּ כשרות, האָט זי אים געהאָלפן מיט דעם אויסוואַל פון עסן, און געזען אַז ער זאָל קריגן כשרע

עסנוואַרג. זי איז אים נאָענט געוואָרן, און מיט דער צייט זיינען זיי באַפריינדעט געוואָרן. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָבן זיי חתונה געהאַט אין ירושלים.

די קאָלאָניסטן, אין יענע טעג, כאָטש זיי האָבן מיין פאָטער געאַכטעט און רעספּעקטירט, האָט דאָך מיין פאָטער, ניט געקענט פאַרבלייבן לאַנג אין דער קאָלאָניע. זיי זיינען געווען ווי פרעמד אין זיינע אויגן, צוליב זייער ראַדיקאַליזם און פריי געזאָנענקייט. ער איז געפאָרן קיין ירושלים, וואו ער האָט געפונען זיין גלייכן אין די ישיבות און בתי מדרשים.

איצט אויף מיינע אייגענע עלטערע יאָרן, קען איך באַגרייפן מיין פאָטערס שטאַרקן גלויבן און שלימות צו גאָט און אויך צו מענש. אך! יאָ, ווי גליקלעך איז דער מענש, וועלכער איז באַשענקט מיט גלויבן אין עולם הבא. וואָס פאַר אַ ליידן און יסורים דער מענש זאָל ניט דורכגיין, אויף דער וועלט, לעבט ער דאָך אַ פולן לעבן, מיט אַ שפע פון האָפענונג און טרייישאַפט צו גאָט.

MY LOST GARDEN

(Dedicated to my wife Minnie for her love of plants and flowers)

My sadness rises heavily in gloom,
As a vapor high, from a hot smoke,
Over the plants fallen to their doom,
To wither, to lie and to choke.

The seeds, I did plant to grow.
Cared and served them faithfully,
So that each, its beauty would show.
I watched and guarded them gleefully.

I felt stirred to constant view,
With proudness full in my heart,
To see the plants, so colorful grew,
With flowers, like bouquets of art.

Now, the tractor stands to destroy,
The plants to bite with his ferocious teeth.
It turned my years of hope into woe,
And sadness stretched out me to greet.

The garden, my eyes will see no more,
In its beauty of flowers and trees,
Which now lie cut through their core.
I walk away drearily with my eyes in tears.

CHILDISH LUCK

The motherly guidance-years, though scarce and few,
That influence, spread over me, like God's given
dew,

The heart-beat, from her tender touch, I still feel,
When numbered are the days, my longing to still.

Her eyes, penetrating, yet warms and shines the
brightest;
Oh, that fortunate childish luck, of all is the greatest.

Who can forget, mother dear, your smile so lovingly?
indeed, it is a boon — a Godly-gift for eternity.

AN OUTCAST

Please officer!
I ask your grace.
Really, it is a shame.
Don't stare with stern gaze.

Don't chase me off the lane,
On my endless journey to wend;
A soul have I, a body left,
Hatred and love to defend.

Don't look so strenuous,
So willful and biting smile;
An outcast phantom am I
Only for a while.

Listen to the whispering bee,
Free as the air is she,
Jovial and roaming queen,
If need be, flies to the sea.

A POET'S DREAM

His eyes half closed,
Gazing steadily in divine pose,
As if in a prophetic trance,
He beholds, in the realm of fantasy,
Fluttering wings of a bird in flight,
Working mightily to attain its goal;
But, the further it flew, the farther the end,
Reaching high, reaching low, beneath the sky,
Returning spontaneously, whence it came,
Again and again, to its own nest,
And there found, its infinite rest.
He awakes with an expression of delight.
He sees that tiny flick, like a fantastic wing,
Spreading into magnificent flame,
Like the sunset in colorful vision,
Depicting the gorgeousness of that kindling flame
His tender love and sensitive heart,
Like strings of music,
Pouring forth, in melodious tones:
The throbbings of a thunderous world.

THE PHILOSOPHER

Surrounded by daggers and masks and samovars,
And pictures, new and old, and books piled high,
The fire flickering like fantastic wings . . .
He sits, rubbing with infinite patience, the scars
Of a dingy canvass. His wit is keen and dry;
His mind, filled, like his rooms, with curious things,
He listens, ironical, but ever kind,
To our rebellious words and youthful woes;
And calms us, with his quiet, understanding eyes.
What loves he may have had; what burning thoughts
behind
That smile, what sufferings sustained.
Experience has made him old and wise,
For he has tasted of bitterness and defeat
And still . . . still finds life most strangely sweet.

Tik Tak, Tik Tak, Tik Tak,
The seconds fly, the hours run,
Tik Tak, Tik Tak, Tik Tak,
The heart beats — beats one by one.

Oh God, stop the rending haste,
As Joshua stopped the sun,
For a little while longer to last,
To find life, a meaning had known.

Already the clock strikes twelve,
Fearless of the warning sound,
My eyes gaze to the highest shelve —
To man's mysterious final round.

Tik Tak, Tik Tak, Tik Tak,
The seconds fly, the hours run,
Tik Tak, Tik Tak, Tik Tak,
The heart beats — beats one by one.

LIFE AS THE TWINKLE OF AN EYE

Soon the clock will strike ten,
As time rushes by fast, fast,
It strikes out happenings then,
Of years gone with the past.

Days and years, together weaved,
Like strings, one into another,
Which graciously, I have accepted,
The sad and happy asunder.

Tik Tak, Tik Tak, Tik Tak,
The seconds fly, the hours run,
Tik Tak, Tik Tak, Tik Tak,
The heart beats — beats one by one.

Longings rise, fall, and press,
With wants and desires, long gone,
With youthful aspirations and happiness,
Colored with ideals brightly shone.

Now, the clock strikes eleven,
Nearer, nearer towards the end,
Oh, graceful God help me plan
My journey, in entranced sleep to wend.

YEARLY FRAGMENTS

(New Year Thoughts)

New Year comes, the old one goes,
With gleeful hearts of new expectations;
And every year the number grows,
More and more, disappointing revelations.

Yet, we go on, on and on
Painting hopes, upon painted deeds
Which are not borne, without scorn,
Even of those, who most find needs.

The old year goes, the New Year comes.
What consequences may be wrought,
Who can tell, who knows,
What achievements may allure the human thought?

Such dreams of worldly good,
May come and go with each new year,
But are fragments of minds fortitude,
Till the day might dawn in clearness near.

plow and seed it with new seeds, which shall through the bright sun-rays bring forth new, fresh plants and a successful crop.

In my boyish days and years, I drew admiration from Jewish tradition, the history of Jewish subjection, and about the strong will to live, as a people, and about modern Jewish culture, which attracted me. There I crossed the border of the Jewish renaissance, with renewed vigor, especially in the struggle to procure a peaceful place for our people in the land of Israel, where I was born and raised.

A New Life With New Hopes

A new star shone, and its brightness kindled my new life. With new vigor and inspiration in my heart, I applied myself. My new strong trust and belief, in a new haven, in the land of Israel for my people, was like an isle and deliverance of my soul to that ideal. It was an isle upon the stormy sea. For my own sake, and because of the teachings which were implanted in me, in my younger years, and in memory of my dear mother, I chose to cling and work for that ideal.

as if my pious belief was slipping away from me, and the brightness of religion was dazzling before me.

My gloomy and grieving, longing heart, fell heavily and depressed me. But, after a mourning period, a stirring awakedness stimulated me to search, and inquire of God, with a desire to present my claims and arguments to God. Being a young boy, right past my confirmation, obedient and pious always striding in God's path, I began to doubt, in boyish manner. Questions rose from within me. I asked: If truly there is a God in heaven, why did he take our beloved mother, from us small children, in such a horrible way, and left us stranded orphans, like lost sheep? My questions came, as if I challenged God for an answer, but none I heard. Thus, I at last turned from the directions, which led me to the synagogue to worship God, and from the college, where I so faithfully studied.

I have never returned to the religious traditional life. However, eager to fill the large gap and hollow left in my heart, I viewed the bright side of life, with merits to satisfy my ambitions.

For a time, I served many ideologies, in which I sought relief to pacify my turbulent soul, but without reward to give me spiritual peace, and free myself from accumulated doubts, which plagued me, until at last a revival in my heart. I said to myself: the emptiness in my heart, is like a forsaken field. I have to

My Mother In The Hospital

The last few weeks, which remained, to keep a live breath with deadly anguish, in a human body, I lived through and felt, and all my fasting of long days and prayers, had converted my young mind, with my belief and trust in man and God.

I thought, how weak and powerless is poor man, against the mighty overwhelming nature's destroying forces, which hunt and lurk upon him, from unknown hidden, mysterious places day and night.

I painfully pondered, and talked to myself: Only a short time ago, only a few weeks back, my mother lived and gleamed, with brightness on her beautiful, noble face, and kind soft heart. Here, suddenly, she lies with extinguished eyes, with her face burned like coal, her whole body red and black, and her breath swiftly vanishing in deadly tortures, like a beast ravishing her to the bones.

The Time of My Mourning and Arguments With God

It may seem strange and peculiar, that just as the tragic occurrence, with the fire from the Sabbath candles, which consumed my mothers life, has broken me physically, so it has torn my soul spiritually. I felt

alarm. As I looked around, I beheld a cloud of smoke, from the windows over the roof of our house to the dark sky above.

I immediately ran, as fast as a spear of an arrow, to our house in feverish shivers. What my scared, open eyes beheld, and how my almost lame hands and feet brought me to the tragic place, cannot be described, just as the rest of the tragedy, of the fire from the Sabbath candles.

As an epitaph and honor of my dear mother, I at least, shall describe the tragic fatal incident, as a fact. I still feel the horror within me, when I think, how my noble mother appeared in the burning flame, which enveloped her body, and how she fought the fire, with her strength. The devouring flame, from the holy Sabbath lights, had caught her special Saturday clothing, together with her bright skin and being, and almost swallowed her entirely.

I still feel the anguish, which encircled me, and still hear the woes, and deadly anguish cries, imagining that I still see her, wrapped in the fire-wings, which kind people were not successful to extinguish.

At that fatal hour of misfortune, only the motionless body, of my mother remained. Her noble gleaming countenance, could not be recognized.

and traditions given us through Moses, but she was a kind woman. She gave charity accompanied with other good deeds, which God and man expected from a person.

Being Friday — a short day, at that time of the year, she hastened with preparations for the holy Saturday, cleaning and cooking, to bring the Sabbath holiness in the house.

I remember that the table was set with a clean table cloth. Two twist loafs, at the head of the table were covered with an embroidered napkin. On the side were the brass polished candle holders. My mother in her Saturday blouse and snow white apron, was ready for the prayers over the candles, and the traditional prayer on her lips.

As it were, I left my house, striding proudly in my colorful long coat, with my prayer book, in my hand, to the Temple, without the least suspicion, that within a few counted minutes, a tragic misfortune would strike my beloved mother. What I could not realize was, that I had seen my mothers noble and beautiful face for the last time, before her prayers over the candles.

As I walked towards the synagogue, scarcely a distance of about two blocks from my house, I suddenly heard sharp and vibrating human shrieks. Neighbors ran breathlessly from all sides with great tumult and

pass. We rarely think, or know the affects these disasters left, in the hearts of those unfortunates, who were subjected to the catastrophes. We don't know the vicissitudes they wrought upon the thinking mind. The disaster of a fire, from the Sabbath candles, which consumed my mother's life, has diverted my religious thinking, and left me in search of an objective to replace religion, as the following will describe:

Whether it was incidental, or a God-given sign, for the disaster to come to my mother, God alone knows. As if from a hidden power, a stormy, grey sky hung over our heads and enveloped us in sadness.

This happened in the city of Jerusalem, on the twilight of Friday, in the Fall of 1903, in November, a few months past my confirmation.

Like most families, who imigrated to Palestine, our family too, lived a depressed poor life, but my parents, especially my mother accepted her hardships in good faith, with love and devotion to God.

In the letters my mother left, she descended from a rabbinical family. Her own father was a well known rabbi. She was familiar with, and not only knew religious laws, but she also knew excerpts from the Talmud, also many chapters of the Bible and prayers from memory.

Coming from a strongly religious house, she was a lovely pious woman. She not only heeded the laws

MY MOTHER'S TRAGIC CANDLE LIGHTS

An Episode of My Childhood

The reflection of my early diversion, from my belief and trust in God, has filled my mind, since my teen age. I felt no guilt for esthetic thoughts, but, rather, a nagging emptiness possessed me. I was contented to look forward to God as the Creator of men and their world. I looked to Him from whom justice emanates, as an example to men. In my innocent prayers, were my hopes, that with good deeds and honesty will come reward. How happy I was to study Gods laws and commandments! I felt a spiritual happiness, which no worldly pleasures could ever replace: and still envy the man, who honestly believes in God.

As I grew older, I sought to rationalize my conversion to liberal thoughts. I found that sudden changes, circumstances, or disasters, which happen in a person's life, are the mediums and tend to change his thinking.

In our daily routine, we are unaware of the cruelties of nature; and the bruises and scars they leave, on our spiritual life. When we hear or read of earthquakes, floods, eruptions or fires, doubts creep in, but we accept them as occurences, which are bound to come and